STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02967

DER SEYFER--UNDZER FON

Mordechai Wolf Bernstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי וו. בערנשטיין

דער ספר-אונדזער פאָן

מאָנאָגראַפיעס צו דער געשיכטע
פירהונדערט פופציק יאָר
פון ייִדישן דרוק-וועזן

נומער איינס

ביבליאָטעק
„ביכער-וועלט"
בוענאָס-איירעס

אלול, ה׳תשי״ז — אויגוסט, 1957

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Copyright by:
M. W. BERNSTEIN
Buenos Aires

HECHO EL DEPOSITO QUE MARCA LA LEY
Industria Argentina

Este libro se terminó de imprimir el día 25 de Agosto de 1957,
en los talleres gráficos "Zlotopioro Hnos.", S. Luis 3149, Bs. Aires.

אינהאַלט:

אריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — — — 5

קאַפּיטל איינס — וועגן ביבליאָגראַפיע בכלל און די יידישע ביבליאָגראַפיע בפרט — — — — — — — — — — — — — — — 7

קאַפּיטל צוויי — חיים שוואַרץ און זיין משפחה — די פּיאָנערן פון העברעישן און יידישן דרוק־וועזן — — — — — — — 12

קאַפּיטל דריי — מקורות וועגן דער דרוקעריי אין פראַנקפורט ד׳אָדער — — — — — — — — — — — — — — — — — 31

קאַפּיטל פיר — הונדערט פערציק יאָר ווילנער ראָם־דרוקעריי 52

קאַפּיטל פינף — סוף־דבר — — — — — — — — — — — — — 62

רשימה פון רעפּראָדוקציעס:

1) שער־בלאַט — פון אילוסטרירטן מחזור, כתב־יד פון יאָר 1272, געשריבן פון סופר שמחה בר יהודה. ביזן חורבן געווען אין דער רש״י־שול אין וואָרמס. איצט אין וואָרמסער שטאָטישן מוזיי. אילוסטרירטע זייט פון דעם פיוט „שערי רחמים״.

2) זייט 11 — עמבלעם פון דעם דרוקער חיים שחור־שוואַרץ; געפינט זיך אין „פירוש רשי״; געדרוקט אין אויגסבורג 1533.

3) זייט 18 — בלאַט פון „סידור מכל השנה״, אויגסבורג 1531 (?);

4) זייט 20 — קאַלאָפאָן פון „חמשה חומשי תורה״, לובלין 1556;

5) זייט 23 — אילוסטרירטע זייט פון „סדר של פסח״, אויגסבורג 1534;

6) זייט 24 — טיטל־זייט פון „ארבע טורים״, אויגסבורג 1540;

7) זייט 26 — טיטל־בלאַט פון יוסף בר יקרס סידור אין יידיש, איכענהויזן 1544;

8) זייט 27 — יוסף בר יקרס הקדמה צו זיין סידור;

9) זייט 39 — שער־בלאַט פון „ארבע חרשים״, פראַנקפורט ד׳אָדער, 1680;

10) זייט 41 — שער־בלאַט פון „עולת יצחק״, פראַנקפורט ד׳אָדער, 1692;

11) זייט 43 — שער־בלאַט „עיר בנימין״, פראַנקפורט ד׳אָדער, 1698;

12) זייט 45 — שער־בלאַט „לקח טוב״, פראַנקפורט ד׳אָדער, 1705;

13) זייט 47 — שער־בלאַט פון מסכת נידה, אויסגאַבע אין פראַנקפורט־ד׳אָדער—בערלין פון יאָר 1722;

14) זייט 47 — שער־בלאַט פון „כתנות אור״, פראַנקפורט ד׳אָדער, 1754;

15) זייט 51 — שער־בלאַט פון „תורת גיטין״, פראַנקפורט ד׳אָדער, 1813;

16) זייט 58 — שער־בלאַט פון מסכת שבת פון תלמוד בבלי, אויסגאַבע ווילנע והוראָדנאָ, תקצ״ו;

17) זייט 61 — שער־בלאַט פון סליחות, ווילנע 1841;

אַרייַנפיר

די ווייטערדיקע שורות האָבן פאַר אַ ציל אויפצוקלערן דעם זין און די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער אויסגאַבע, וואָס וויל זיין אַן ערשטלינג פון אַ גאַנצער סעריע.

מיר ווערן גערופן — אַנדערע רופן אונדז און מיר זיך אַליין — מיט דעם יחוסדיקן נאָמען: „**עם הספר**" — דאָס פאָלק פון בוך. דאָ איז נישט דאָס פלאַץ פאַרן אַנאַליז **ווען** האָט מען אונדז דעם דאָזיקן שבח צוגעטראָגן און אויך **פאַרוואָס.** אויך איז דער אַרייַנפיר נישט דער אָרט פאַר חקירות צי פאַרדינען מיר נאָך היינט דעם דאָזיקן קאָמפּלימענט.

לאָמיר פעסטשטעלן — היינט, נאָך אַלע שוואַרצזעערייען פון קלאָג־מוטערס און קברנים, פאַרמאָגן מיר אין אונדזער גאַנצער צעשפּרייטקייט, אין מדינת־ישראל און תפוצות־ישראל, אַ פאָר צענדליק פאַרלאַגן, וואָס גיבן אַרויס יידישע ביכער. טייל פון די פאַרלאַגן זענען פון אַ גאָר דיי־נאַמיש־אַקטיוון כאַראַקטער און פאַרנעם.

ביי היינטיקן טאָג דערשיינען ביז 200 יידישע פעריאָדישע אויס־גאַבעס, אין דעם 13 טאָג־צייטונגען.

דער פאַרמעג פון אונדזער בוך־ און פעריאָדיק־פּראָדוקציע איז אַ גאָר חשובער, גאָרנישט זיך צו שעמען דערמיט.

פון דעסט וועגן פעלט ביי אונדז אין יידיש אַ פּובליקאַציע וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער געשיכטע פון יידישן בוך, מיט די פּראָבלעמען פון יידישן ספר היינט און מיטן יידישן דרוק־וועזן בכלל.

עס פעלט אין יידיש אַ ביבליאָגראַפיש־ביבליאָפילישע אויסגאַבע וואָס זאָל פאַר די יידיש־לייענער דערציילן דעם שלשלת־היוחסין פון אונדזער ספר. די חבלי־לידה פון יידישן געדרוקטן וואָרט.

אין הונדערטער און הונדערטער זאַמלביכער און צייטשריפטן זענען צעזייט און צעשפּרייט באַזונדערע פראַגמענטן, בלעטער צו דער דאָזיקער רומפולער געשיכטע. פיל צענדליקער גאָר וואָגיקע ביכער אין פאַרשי־דענע לשונות זענען שוין וועגן דעם דערשינען.

דעם יידיש־לייענער זענען זיי נישט באַקאַנט.

דאָ ווערט געמאַכט אַ גאָר באַשיידענער פּרוּוו צוצוטראָגן דעם יידישן לייענער דאָס וואָס ער דאַרף וויסן וועגן דער לאַבאָראַטאָריע פון יידישן בוך. באַקענען אים מיט די מאַטעריאַלן און פאַקטן פון אונדזער יחוס־

קייט ווי אַן עם־הספר. עס וועלן דאָ געבראַכט ווערן סיי אַרבעטן וואָס זענען שוין פריער ערגעצוו, אויף וועלכן נישט איז לשון, פאַרעפנטלעכט געוואָרן; סיי אַזעלכע וואָס ווערן ספּעציעל פאַר דער דאָזיקער סעריע געשריבן.

וועגן דעם אינהאַלט פון אונדזער ערשטן ביכל דאַרפן מיר נישט דערציילן, דאָס וועט דער לייענער זען. אין אַריינפיר ווערט אָבער אונטערגעשטראָכן, אַז די דאָזיקע סעריע וועט זיך באַמיען שטענדיק צוצופאַסן די העפטן צו געוויסע געשעעניש, היסטאָרישע דאַטעס פאַרבונדן מיטן ספר.

דער נאָענטער העפט פון אונדזער סעריע וועט זיין געווידמעט דער **געשיכטע פון דרוקן דעם** תלמוד. **עס וועט דערשיינען לזכרון דער לעצטער** שריפת־התלמוד **וואָס איז פאָרגעקומען מיט 200 יאָר צוריק**, 1757, **אין** קאַמיענעץ־פּאָדאָלסק.

דער אָנהייב ווערט דערווייל געמאַכט פון אַ יחיד, אויף זיינע הוצאות און דורך זיין איניציאַטיוו און פּראָיעקט. די צייט וועט אַרויסווייזן צי דאָס איז געווען אַ נוציקער און נויטווענדיקער אויפטו. דער אַרויסגעבער איז זיכער, אַז עס וועלן זיך געפינען אַזעלכע וואָס וועלן צוהעלפן דעם דאָזיקן באַשיידענעם אָנהייב — די דאָזיקע סעריע זאָל זיך קענען אויסברייטערן און טאַקע האָבן עקסיסטענץ־מעגלעכקייט.

דער נאָמען פון דער דאָזיקער סעריע איז: **ביבליאָטעק „ביכער־וועלט“.**

עס איז אַ נאָמען מיט יחוס. הײַ־יאָר איז טאַקע געוואָרן 35 יאָר זינט עס איז אין וואַרשע אָנגעהויבן צו דערשיינען די אויסגאַבע „ביכער וועלט“, קריטיש־ביבליאָגראַפישער זשורנאַל.

זאָל די דאָזיקע סעריע טאַקע העלפן שפּינען דעם הייליקן פאָדעם פון יידישן מזרח־אייראָפּע, די געוועזענע מעטראָפּאָליע פון יידישן בוך, וואָס איז אַזוי אַכזריותדיק פאַרטיליקט געוואָרן דורך די שונאים פון דעם עם־הספר אין אונדזער דור.

דאָס ערשטע ביכל דערשיינט בעת דעם 11טן „ביכער חודש“, וואָס עס פירט דורך די יידישע קהילה פון בוענאָס־איירעס — אַן אויפטו וואָס איז אויך אַ רינג אין דער לאַנגער יחוס־קייט פון דעם עם־הספר.

קאַפּיטל איינס

וועגן ביבליאָגראַפיע בכלל און יידישע ביבליאָגראַפיע בפרט

ביבליאָגראַפיע פאַרנעמט היינט דעם אויבנאָן אין דער וויסנשאַפט בײַ די אומות־העולם. נישט נאָר איז עס אָן און פאַר זיך אַ וויכטיקער פאַרש־געביט, ביבליאָגראַפישע רשימות זענען אומבאַדינגטע הילפס־אָר־גאַנען פאַר אַלע, אָן אונטערשיד, וויסנשאַפטלעכע מאַטעריעס. קיין שום סטודיע, קיין שום פאָרשונג־אַרבעט קאָן היינט נישט אָנגעהויבן ווערן אָן די געהעריקע צוגעגרייטע ביבליאָגראַפישע מקורות.

אויב דאָס איז אַזוי בײַ אַלעמען, איז עס נאָך מער שייך צו אונדז ייִדן. בײַ די אומות־העולם האָט זייער ביבליאָגראַפיע געוויסע פעסטע אָנ־געצייכנטע גרעניצן — שפּראַכלעכע און געאָגראַפישע. אונדזער ביבליאָ־גראַפיע, ריכטיקער דער רווישטאָף פאַר אונדזער ביבליאָגראַפיע, איז צע־זייט אין כל תפוצות ישראל און איז פיל־שפּראַכיק, טאַקע בכל לשון שאתה שומע.

לאָמיר נעמען, למשל, אַ ביבליאָגראַפישע רשימה וועגן מוזיק אין איטאַליע. זיכער וועט די דאָזיקע האָבן אַ שפּאַר ביסל פרעמד־שפּראַכיקע פּאָזיציעס, אָבער, דער עיקר, וועלן זיין מקורות אין איטאַליעניש און טאַקע פון איטאַליע גופא. אַ ביבליאָגראַפיע פון מוזיק בײַ ייִדן וועט אָבער האָבן מקורות פון צענדליקער לשונות און פון אומעטום, ווו אונדזער צעזייט און צעשפּרייט פאָלק לעבט און שאַפט, אָדער האָט געלעבט און האָט געשאַפט.

צוליב דעם דאָזיקן מצב טאַקע פון דעם ייִדישן פאָלק — זיין צע־שפּרייטקייט און די פילשפּראַכיקייט פון זיין שאַפונגס־ספערע — איז די ייִדישע ביבליאָגראַפיע, אָדער ריכטיקער די ביבליאָגראַפיע ביי ייִדן, אַ גאָר קאָמפּליצירטער ענין און מהאי־טעמא מאַכט עס דעם דאָזיקן געביט נאָך מער וויכטיקער און יעדער אויפטו איז גאָר אָנגעלייגט.

און נאָך אַ פּרט, און טאַקע אַ גאָר וואָגיקער, טיילט אויס די לאַגע ביי אונדז אויפן דאָזיקן געביט פון דער לאַגע ביי אַנדערע פעלקער. ביי די אומות־העולם עקסיסטירן סטאַבילע מלוכהשע ביבליאָגראַפישע צענטראַ־לעס, וואָס רעגיסטרירן פּינקטלעך און גרינטלעך זייער גאַנצע דרוק־פּראָ־דוקציע. נישטאָ היינט קיין שום ציוויליזירט לאַנד, וואָס איר ביבליאָגראַ־פישער צענטער זאָל נישט שטיין אין די חשובסטע פלעצער, צוגלייך מיט די אַנדערע אַקאַדעמיעס און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן אין געגעבענעם לאַנד. צום דינסט פון די דאָזיקע אָפיציעלע ביבליאָגראַפישע רעגיסטריר־און סעלעקטיר־צענטערס שטייט אַ רייע תקנות און געזעצן — ראשית די פאַראָרדענונג צוצושיקן צוואַנגס־עקזעמפּלאַרן צום ביבליאָגראַפישן צענ־טער פון אַלץ וואָס עס דערשיינט פון אונטער דער דרוקפּרעס. אין טייל לענדער איז די דאָזיקע זאַך אַזוי פּערפעקציאָנירט, אַז שוין אויפן בוך, אָדער פּעריאָדישע אויסגאַבע ווערט אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ אָפּגעדרוקט דער ביבליאָגראַפישער סימן, די סיגנאַטור, צו וואָס פאַר אַ ביבליאָגראַ־פישער גרופּע דאָס בוך אָדער זשורנאַל געהערט דאָס רוב נאָך דער דע־צימאַלער סיסטעם.

ביי אונדז, דעם עם־הספר, איז עד־היום נישטאָ דער ביבליאָגראַפי־שער צענטער, וווהין מ׳זאָל שיקן צוואַנגס־עקזעמפּלאַרן. עס געפינען זיך דאָ אָדער דאָרטן וואָלונטערע פּונקטן, מיט פּריוואַטיקע זאַמלערס, וואָס קלייבן, רעגיסטרירן, קלאַסיפיצירן און פאַרעפנטלעכן, פון צייט צו צייט, ביבליאָגראַפישע רשימות.

דעם זעלבן גורל ווי די ביבליאָגראַפיע האָט אויך די ייִדישע ביב־ליאָפיליע, ריכטיקער די לערע וועגן בוך, זיין געשיכטע און ראשית די געשיכטע פון זיין וואַרשטאַט און לאַבאָראַטאָריע — דאָס ייִדישע דרו־קעריי־וועזן.

ביי די אומות־העולם האָבן זיך זייערע דרוקערייען געפונען אויף אַ באַשטימטן און במילא געאָגראַפיש באַגרענעצטן, שטח. עס זענען געווען אויסנאַמען ווען ביכער אָדער צייטשריפטן פון אַ פאָלק האָבן זיך געדרוקט מחוץ זייער עטנישן גרעניץ. לרוב איז עס געווען פון לענדער, וווּ עס איז נישט געווען קיין פרייהייט פון דרוק און וואָרט; דאָס האָבן געטון פאַר־יאָגטע אָדער אַנטלאָפענע צוליב רעפרעסיעס יחידים און גרופן. די רוסיש־פּוילישע פּאָליטישע עמיגראַציע פאַר דער צייט פון דער צאַרישער הער־שאַפט און די איצטיקע עמיגראַנטישע גרופן, אַנטלאָפענע פון הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג, זענען גוטע ביישפּילן פון דעם.

אונדזער דרוקעריי־„טעריטאָריע" איז די גאַנצע וועלט. נישטאָ קיין פּונקט אויף אונדזער פּלאַנעט, וווהין מיר זאָלן נישט פאַרוואָגלט ווערן און וווּ עס זאָלן נישט דערשיינען ביכער אָדער צייטשריפטן מיט אונדזערע אותיות־מרובעות, אָדער ביכער אויף די שבעים און מער לשונות פון אונדז אָדער וועגן אונדז.

אַ פּאָר ביישפּילן:

דער „תלמוד" איז, פון זיין ערשטער אויסגאַבע אין סאָנטשינאָ (אי־טאַליע) אין יאָר רמ"ד (1488) ביז דער לעצטער נייסטער אויסגאַבע אין ירושלים אין יאָר תשי"ג (1953), געדרוקט געוואָרן אין קרוב 100 (הונ־דערט) ערטער.

נעמען מיר, למשל, די ערשטע (כראָנאָלאָגיש געגאַנגען) פופצן שטעט, וווּ דער תלמוד איז געדרוקט געוואָרן און מיר האָבן אַזאַ מין רשימה:

סאָנטשינא (איטאַליע); טאָלעדאָ (שפּאַניע); פאַראָ (פּאָרטוגאַל); סאַלאָ־ניקי (גריכנלאַנד); ווענעדיק (איטאַליע); סאַביאָניטאָ (פּאָרטוגאַל); לובלין (פּוילן); קאָנסטאַנטינאָפּאָל (טערקיי); באַזעל (שווייץ); קראָקע (פּוילן); קורו־דזשעסמאָ (אַ דאָרף ביי קאָנסטאַנטינאָפּאָל); אַמשטערדאַם (האָלאַנד); זולצ־באַך (דייטשלאַנד); פראַנקפורט ד'אָדער (דייטשלאַנד); האַללע (דייטשלאַנד).

און אָפּגעשטעלט האָבן מיר זיך ביי דער פופצנטער דרוקעריי מיט דער תלמוד־אויסגאַבע פון יאָר תע"ב (1712), עס שטייען נאָך אין דער ריי נאָך 80 (אַכציק!) שטעט פון די ווייטערדיקע 250 יאָר, וווּ דער תלמוד האָט זיך געדרוקט.

אַ צווייטער ביישפּיל, ער האָט אויך אַ שייכות צום „תלמוד”. צו דער ערשטער מסכתא „ברכות” זענען פאַראַן 294 פּירושים 1). די דאָזיקע פּירו־שים זענען געדרוקט געוואָרן אין העכער 70 דרוקערייען פון 22 לענדער.

אַ דריטער ביישפּיל: י. ל. פּרצעס ווערק זענען געדרוקט געוואָרן אין העכער 150 ערטער. דאָ רעדט זיך וועגן פּרצן אין אונדזערע אותיות מרובעות — יידיש, העברעיש און לאַדינאָ, און ווו איז פּרץ אין די אַנדערע לשונות ?

און לסוף — די ביבליאָגראַפּיע וועגן יידישן בוך־דרוק־וועזן פון ש. שונאמי 2) נעמט אַרום ווערק (רשימה פון ביבליאָגראַפּיעס) דערשינענע אין 10 שפּראַכן, אַרויסגעגעבן אין 16 לענדער.

די געשיכטע פון יידישן בוכדרוק־וועזן פאַרנעמט, בכן, אַ גאָר חשובן אָרט אין אונדזער ביבליאָפּיליע. אין די צענדליקער ביבליאָגראַפיש־ביב־ליאָפּילישע אויסגאַבעס, וואָס זענען, אין משך פון לעצטן יאָרהונדערט, ווען און ווו נישט איז דערשינען ביי יידן, זענען צעזייט און צעשפּרייט, אין די סך הונדערטער, עסייען און גרינטלעכע שטודיעס צו דער געשיכטע פון די יידישע דרוקערייען. די דאָזיקע אַרבעטן פאַרנעמען זיך מיט אַלע אַספּעקטן, ביז די קלענסטע פּרטי־פּרטים פון דער טעמע. די דרוקערס און זייער אָפּשטאַם; וועגן די געאָגראַפישע פונקטן — פאַרוואָס דווקא אין די דאָזיקע מקומות ?; וועגן די אותיות און שער־בלעטער; צענזור (אייגענע און פרעמדע); פּלאַגיאַט און פעלשונגען; מחברים, מסכימים און מעצע־נאַטן, מוכרי־ספרים און קאָלעקציאָנערן. יעדער האָט וואָס צו מחדש זיין.

לעצטנס האָבן זיך אין די ביבליאָגראַפּישע זאַמלביכער, וואָס דער־שיינען היינט ביי אונדז יידן, באַוויזן דריי גאָר ווערטיקע שטודיעס אויפן

1) הרב ראובן מרגליות — „מפרשי תלמיד בבלי” הנמצאים בספריה ע”ש הרמב”ם בתל־אביב, מסכת ברכות. אין „הספר”, שנה א׳ קונטרוס א׳ ירושלים, אייר תשי”ד. זייטן 10—17.

2) שלמה שונמי — „מפתח המפתחות”, ביבליוגרפיה של ביבליוגרפיות ישראליות; ירושלים תרצ”ו. אַרויסגעגעבן פון דער ביבליאָטעק ביי דער העברעישער אוני־ווערסיטעט. אָפּטיילונג 25 — „הדפוס העברי — הספר העברי”.

דאָזיקן געביט. דאָס זענען דריי מאָנאָגראַפיעס, וואָס ווערן דאָ ווייטער באַהאַנדלט.

איך האָב די דאָזיקע מאָנאָגראַפיעס געשטעלט נאָך דער כראָנאָלאָגי־שער עלטער פון די דרוקערייען, וואָס ווערן אין זיין באַהאַנדלט. דער צו־פאַל האָט אָבער אויך געוואָלט, אַז די עלטער, דער סטאַזש, פון די ביב־ליאָגראַפישע זשורנאַלן, גייט אויך מיטן זעלביקן סדר, ווי מיר וועלן עס זען ווייטער.

עמבלעם פון דעב דרוקער חיים שוואַרץ, וועגן וועמען עס רעדט זיך אין ווייטערדיקן קאַפּיטל. דער עמבלעם איז אויף דעם דערשינענעם אין יאָר רצ״ג — 1533 אין אויגס־בורג פירוש רשי. עס איז דער נומער [9] וואָס מיר דערמאָנען ווייטער אויף זייט 22. דער דאָזיקער עמבלעם געפינט זיך ביים אָנהייב פון יעדן חומש און פון יעדער מגילה.

קאַפּיטל צוויי

חיים שחור־שוואַרץ און זיין משפּחה, — די פּיאָנערן פון העברעישן און יידישן דרוק־וועזן

המדפיס חיים שחור, בנו יצחק וחתנו יוסף ב״ר יקר
פראג, אילזא, אויגשפורג, איכנהויזן, הידרנום, לובלין
מאת
א. מ. הברמן

אין העפט ד׳ פון באַנד ל״א „קרית ספר״, תשרי תשי״ז, ירושלים, מ׳ ישראל.

איידער מיר טרעטן צו רעפערירן די ערשטע מאָנאָגראַפיע דאַרפן מיר פאָרשטעלן די צייטשריפט „קרית ספר״, ווו די דאָזיקע שטודיע איז פאַרעפנטלעכט און אויך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן איר מחבר, א. מ. האבערמאַן.

דער „קרית ספר״ וואָס האָט נאָך דעם אונטערקעפּל — „רבעון לביבליוגרפיה של בית הספרים הלאמי והאוניברסיטאי בירושלים״ — איז ביי היינטיקן טאָג ביי יידן דער איינציקער צענטראַלער ביבליאָגראַפישער זשורנאַל. ער איז היי־יאָר אַריין אין זיין 31סטן עלטער. די ביז היינט דערשינענע 30 בענד זענען נישט נאָר אַ רעגיסטער פון אונדזערע פּובליקאַ־

ציעס אין משך פון די 30 יאָר. „קרית־ספר" פאַרנעמט זיך נישט נאָר מיט דער לויפנדיקער, אַקטועלער, דרוק־פּראָדוקציע (ראשית־כל פון ישראל), נאָר אין די דאָזיקע 30 בענד האָבן מיר הונדערטער שטודיעס און פאָר־שונגען וועגן יידישן בוך־וועזן בכלל און וועגן די דרוקערייען בפרט. ווי אַ כלל האָט יעדער נומער די ווייטערדיקע אָפּטיילן:

ביבליוגראַפיה, מיט די סעקציעס: דפוסי ישראל; ספרות עברית ומדע היהדות בחוץ לארץ; בתוך כתבי עת.

דברי בקורת — אַן אָפּטיילונג פאַר רעצענזיע און קריטיק.

מאמרים — אַן אָפּטיילונג פאַר עסייען און שטודיעס.

מגנזי בית הספרים — ווו עס ווערן פאָרגעשטעלט אינטערעסאַנטע עקזעמפּלאַרן, אוניקומס, פון די אוצרות פון דער אוניווערסיטעט־ביב־ליאָטעק.

די אַרבעט פון א. מ. האבערמאַן געפינט זיך טאַקע אין דעם אָפּטייל „מאמרים". לשם אילוסטראַציע וועלן מיר דאָ דערמאָנען די אַנדערע אַרבעטן, וואָס עס געפינען זיך אין דעם זעלבן העפט, אין דעם אָפּטייל. חוץ די אַרבעט פון א. מ. האַבערמאַן זענען נאָך דאָרטן דאָ:

אברהם נפתלי צבי רות — כתבי־יד לתלמוד בבלי בהונגריה (מאַ־נוסקריפּטן צום תלמוד־בבלי אין אונגאַרן);

אברהם יערי: מילואים ל„דגלי המדפיסים העבריים" (דערגאַנצונ־גען צו די עמבלעמען פון די יידישע דרוקערס) מיט 9 פאַקסימיליעס.3)

דער „קרית ספר" איז, ווי געזאָגט, דער איינציקער און צענטראַלער זשורנאַל פון דעם מין ביי יידן. ער קלאַסיפיצירט און רעגיסטרירט אַלץ

3) אברהם יערי איז איינער פון די פּראָדוקטיווסטע און וויכטיקסטע ביבליאָ־גראַפן וואָס מיר פאַרמאָגן. הונדערטער עסייען און העכער אַ צענדליק ספרים האָט ער שוין אַרויסגעגעבן אויף דעם געביט. דורך זיינע הענט זענען אַדורך ביז זעכציק טויזנט ספרים פון דער ירושלימער אוניווערסיטעט, צו וועלכע ער האָט אויסגעשטעלט „פּאַספּאָרטן". דער דאָזיקער אַרטיקל „מילואים" האָט אַ שייכות צו זיין גאָר אינטערעסאַנטן און באַלערנדיקן בוך „דגלי המדפיסים העבריים מראשית דפוס העברי ועד סוף המאה התשע־עשרה", וואָס איז אין יאָר תש"ד (1944), דערשינען אין ירושלים, ביי דער העברעישער אוניווער־זיטעט.

וואָס ער באַקומט. איז טאַקע די ערשטע סעקציע פון דער ביבליאָגראַפיע — דפוסי ישראל — אַ פולע, אַן אויסשעפּנדיקע. ערגער איז מיט דער צווייטער סעקציע פון דער אָפּטייל, די אויסגאַבעס אין גאָר דער וועלט. נישט אַלע פון אונדזערע תפוצות פאַרשטייען די וויכטיקייט צוצושיקן זייערע פּובליקאַציעס אין דעם דאָזיקן צענטער.

דער מחבר פון דער דאָזיקער מאָנאָגראַפיע אברהם מאיר האַבערמאַן איז היינט צו טאָג איינער פון די אָנגעזעענסטע ביבליאָגראַפן און געהער צו די ספּעצן פון דער געשיכטע פון יידישן בוך. פון זיין פען זענען שוין אַרויס עטלעכע צענדליק גאָר וויכטיקע אַרבעטן אויף דעם געביט. באַזונדערס איז ער פון די מומחים צו דער געשיכטע פון יידישן פיוט, פון דער ליטורגישער ליטעראַטור. ער איז אויך מיטאַרבעטער אין די אויסגאַבעס פון ייוואָ. ער איז דער ביבליאָטעקאַר פון דער באַרימטער שאָקען־ביבליאָטעק, וואָס האָט די זעלטנסטע זאַמלונג פון אינקונאַבעלן, מערקווירדיקע אוניקומס פון יידישער דרוק־פּראָדוקציע און כתב־ידן.

אין זיין איצטיקער שטודיע „המדפיס חיים שחור...״ האָט האַבערמאַן אויסגענוצט אַלע ביז היינט פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלן צו דעם קאַפּיטל „חיים שוואַרץ״ אין דעם יידישן בוך־דרוק־וועזן; דער יעניקער וואָס האָט געלייגט דעם אָנהייב פון די יידישע דרוקערייען אין פּוילן. (פריימאַן, פריעדבערג, צונץ, שטיינשניידער, פּערלעס).

האַבערמאַן שטעלט צוזאַמען פון קליינע פּרטים, אָנדייטן און שפּורן די ממש אַוואַנטוריסטיש־אונטערנעמערישע אויפטועז פון דעם דאָזיקן חיים, זיין זון יצחק און איידעם יוסף ב״ר יקר, וואָס איז פאַררעכנט אין דער געשיכטע פון יידישן דרוק־וועזן ווי אַ פּיאָנער, אַ דאַנק זיין יידישן סידור „איין תפילה בוס גאַנצן יאָר״, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין איכענהויזן אין יאָר 1544, און איז שוין באַקאַנט אין דער יידישער ביבליאָגראַפיע ווי „יוסף ב״ר יקרס סידור״. 4)

4) יוסף ב״ר יקרס סידור אין יידיש האָט שוין אַ גאָר גרויסע ליטעראַטור. עס זענען וועגן אים שוין פאַראַן גאָר וויכטיקע אָפּהאַנדלונגען. נישטאָ קיין שום פאָרשונג־אַרבעט וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער שטודיע פון יידיש לשון וואָס זאָל נישט דערמאָנען, אָדער ברענגען „מוסטערן״ פון דאָזיקן „יידישן סידור״.

ווער איז דאָס דער דאָזיקער חיים שוואַרץ־שחור, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין פּראָג, און פיגורירט צווישן די „מחוקקים" (דרוקערס) פון דעם דערשינענעם דאָרטן אין יאָר רע"ה (1514) „סדר זמירות וברכת המזון" ?

אין יאָר 1440 דערפינדט גוטענבערג דעם אופן פון דרוקן ביכער. עס גייען פאַרביי 35 יאָר, ביז 1475, ווען עס באַווייזן זיך די ערשטע יידישע אינקונאַבעלן 5). דאָס איז אַ פירוש פון רש"י אויף חומש (געדרוקט אין רעדזיאָ דע קאַלאַבריאַ, איטאַליע) און די „ארבע טורים" פון רבי יעקב בן אשר (געדרוקט אין פּיעווע דע סאַקאָ, אויך איטאַליע).

די גרעסטע טייל פון די באַקאַנטע יידישע אינקונאַבעלן, העכער 170 (פון בערך פערציק טויזנט (!), וואָס די אומות־העולם האָבן) 6) זענען

איין איינציקער עקזעמפּלאַר פון דער דאָזיקער אויסגאַבע געפינט זיך אין דער בייערישער מלוכהשער ביבליאָטעק אין מינכען. בעת מיין זיין אין דייטשלאַנד, האָבן איך פון פּר' ד"ר מאַקס ווייַנרייך באַקומען אַן אויפטראָג פעסטצושטעלן צי דער אוניקום איז נאָך פאַראַן און מאַכן דערפון אַ מיקראָ־פילם. אין מיין בוך „נישט־דערברענטע שייטן", ב. איירעס 1956, זייט 88, איז פאַראַן אַ פאַקסימיליע פון דעם אַריינפיר צו יוסף בר יקר סידור. זע אויך צינבערגס „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן", באַנד 6, זייטן 113—117.

5) אינקונאַבעלן, ווערטלעכע איבערזעצונג פון לאַטיין, פון דער וויגעלע. הייסט טאַקע אין דייטש „וויגדרוקען". עס ווערן געמיינט יענע דרוק־אויסגאַבעס, וואָס זענען דערשינען פון דעם טאָג ווען די דרוק־מאַשין איז דערפונדן געוואָרן ביז דעם יאָר 1500.

6) די סיבה וואָס גראָד מיר, דער עם־הספר, האָט געוואַרט גאַנצע 35 יאָר, כדי אַרויסצוקומען מיטן ערשטן געדרוקטן יידישן בוך ווערט אויפגעקלערט דערמיט וואָס עס איז אין דער רבנישער וועלט פון יענער צייט געווען אַ געוויסע קעגנערשאַפט צו דעם, אַז מען זאָל דרוקן יידישע ספרים. לרוב זענען עס דאָך דאַן געווען ספרי־קודש; האָבן די שומרי־החומות פון דער יידישער טראַדיציע מורא געהאַט, אַז עס ווערט פאַרשוועכט די הייליקייט פון יידישן ספר, וואָס פלעגט דורך די סופרים געשריבן ווערן מיט קדושה און טהרה. אַ גאַר שאַרפע קעגנערשאַפט האָבן אַרויסגעוויזן די סופרים גופא, וועלכע האָבן אין דעם דרוקן געזען עפּעס „מעשה־כישוף". פאַרשטייט זיך, אַז דאָ האָט געשפּילט אַ ראָלע אויך די מאַטעריעלע זייט — די קאָנקורענץ פון דער מאַשין. האָט מען זיך שוין יאָ גענומען דרוקן יידישע ספרים האָבן די דרוקערס, פּרעסערס, קאָרעקטאָרן און אַנדערע דערביי באַשעפטיקטע, גענומען פאַר זיך

כמעט אַלע געדרוקט געוואָרן אין איטאַליע, אַ פּאָר אין שפּאַניע און פּאָר־טוגאַל און איין איינציקער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. 7)

פּראַג עפנט די טיר פאַר דער אריינדרינגונג פון ידישן דרוק־וועזן אין מזרח־אייראָפּע. דאָרטן ווערט אין יאָר 1512—1513 געמאַכט דער אָנהייב. ביי דעם דאָזיקן בראשית טרעפן מיר צווישן די פיר „מחוקקים" (דרוקערס) דעם דערמאָנטן חיים ב"ר דוד שחור.

פון וואַנען שטאַמט דער דאָזיקער חיים ב"ר דוד? האַבערמאַן איז זיך משער, אַז ער איז אַן אָפּשטאַמיקער פון בעהמען, ווו דער פאַמיליע־נאָמען שחור־שוואַרץ־טשאַרני איז געווען זייער פאַרשפּרייט. האַבערמאַן מיינט אויך, אַז דער דאָזיקער חיים האָט זיך שוין באַטייליקט אין דעם אַרויסגעבן פון ערשטן געדרוקטן אין פּראַג (1512) „סדר התפילות", הגם ער ווערט דאָרטן נישט דערמאָנט. דער פאַקט, וואָס ער איז צווישן דעם פּירלינג, וואָס פיגורירן ווי די „מחוקקים הנרשמים" אויפן „סדר זמירות וברכת המזון" (פּראַג 1514), באַווייזט עס. עס איז דאָך דאַן נישט געווען קיין שום ידישע דרוקעריי אין בעהמען, ווו ער זאָל זיך קענען פריִער אויסלערנען דעם דרוקער־פאַך. אין ערשטן געדרוקטן ספר איז ער מש־

דעם געהויבענעם טיטל פון „העוסקים במלאכת הקודש", די וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער הייליקער עבודה.

7) די בערך 170 העברעישע אינקונאַבעלן זענען געדרוקט געוואָרן אין די ווייטערדיקע שטעט (אין די קלאַמערן זענען די יאָרן ווען די ספרים זענען דער־שינען).

איטאַליע:

Reggio di Calabria (1475); Pieve di Sacco (1475); Mantua (1476, 1477); Roma (1489); Soncino (1483, 1484, 1485, 1486, 1487, 1488, 1489, 1490); Ferrara (1477); Bologna (1477, 1482); Casal Maggiore (1485-86); Neapoli (1487, 1488, 1489, 1490, 1491, 1492); Brescia (1491, 1492, 1493, 1494); Barco (1496, 1497).

שפּאַניע:

Guadalajara (1481); Ixar (1485, 1487, 1488, 1490); Zamora (1487).

פּאָרטוגאַל:

Faro (1487, 1496); Lisbon (1489, 1491, 1492); Leiria (1494).

און טערקיי:

Konstantinopol (1495).

מעות געווען סתם אַ פועל, אין דעם צווייטן איז ער שוין איינער פון די אַרויסגעבער־שותפים. קלאָר איז אַז ער איז פון די פיר פּיאָנערן פון יידישן דרוק־וועזן אין מזרח־אייראָפּע.

אויפן סמך פון אַ קאָלעקציע פון 27 ספרים, אויף וועלכע עס פיגורירט חיים שחור און זיין משפחה (זון יצחק און איידעם יוסף ב"ר יקר), האָט האַבערמאַן צונויפגעשטעלט דעם ממש שטורמישן לעבנסוועג פון דער דאָזיקער דרוקער־משפחה. אויסנוצנדיק אַנדערע מקורות, דערקלערט ער אויך די סיבות פון דער איבערוואַנדערונג פון דער דאָזיקער משפחה פון איין אָרט אין צווייטן.

חוץ דעם שוין דערמאָנטן ספר [1] 8) „סדר זמירות וברכת המזון", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין פּראַג, אין יאָר רע"ה — 1514, זענען נאָך דאָרט געדרוקט געוואָרן אַנדערע 6 ספרים, ווו חיים ב"ר דוד שלי"ט המחוקק פיגורירט ווי אַ מיטבאַטייליקטער. דאָס זענען:

[2] „סידור מכל השנה", פּראג רע"ו (1515) — דאָ איז ער צווישן זעקס „מחוקקים";

[3] „חמשה חומשי תורה" מיטן רש"י־פּירוש, מגילות און הפטרות, פּראג רע"ד—רע"ח (1514—1518) — ביי דעם ספר פיגורירן 5 „מחוקקים";

[4] „מחזור מכל השנה", פּראג רע"ט (1519) — 5 „מחוקקים";

[5] „מחזור לכל השנה", צוויי טיילן, פּראג רפ"ב—רפ"ה (1522—1525). דאָ זענען שוין דאָ נאָר צוויי מחוקקים. דער צווייטער איז מאיר ב"ר דוד, וועלכער פלעגט זיך אונטערשרייבן אויך מכת"ם, וואָס מאַכן אויס די ראשי־תיבות מאיר כותב תפילין מפראגא 9);

---

8) די ציפערן אין די קאַנטיקע קלאַמערן ביי די נעמען פון די ספרים זענען די סיגנאַטורן מיט וועלכע זיי זענען באַצייכנט אין דער ארבעט פון א. מ. האַבערמאַן.

9) פאַמיליע־נעמען פון צונויפגעשטעלטע ראשי־תיבות איז זייער אָנגענומען ביי יידן. די קאָלעקציע „ראשי־תיבות ווי יידישע פאַמיליע־נעמען", אין מיין אַרבעט וועגן יידישע פאַמיליע־נעמען, וואָס איך גרייט, גרייכט ביז 1.500. די קאָמבינאַציע פון דעם פאַמיליע־נאָמען מכתם, אַז דאָס איז אַ ראשי־תיבות איז אין דעם פאַל פאַר מיר געווען אַ נייעס. אגב, איז ביז דעם חורבן־היטלער געווען

ר בונו של עולם אני שלך
וחלומותי שלך חלומות
חלמתי ואיני יודע מה הם
בין שחלמתי לעצמי בין ש
שחלמתי לאחרים בין שחל
מו אחרים עלי אם טובים הם
חזקם ואמצם כחלומותיו של
יוסף הצדיק עלי ואם צרכים
רפואה רפאם כמי מרה על
ידי משה רבינו וכמי יריחו על ידי אלישע
וכמרים מצרעתה. וכנעמן מצרעתו
וכחזקיהו מלך יהודה מחליו. וכשם שהפכת
קללת בלעם הרשע עלינו לברכה כן תהפך
עלי כל חלומותי לטובה ולברכה ותרצני ח
ותשמרני ותחייני לעולם הבא. אמן.

בלאַט פון אויגסבורגער „סידור מכל השנה", נומער [8], זע זייט 22.

אין ווילנע אַ דרוקער און צייכנער־משפחה מיט דעם פאַמיליע־נאָמען מכתם. איינער פון זיי איז בענציע מכתם, דער באַקאַנטער צייכנער־קינסטלער פון „יונג־ווילנע", וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס.

[6] „יוצרות לכל השנה״, פראג רפ״ח (1526). אויך דאָ זענען פאַראַן נאָר צוויי „מחוקקים״, חיים שחור און דער דערמאָנטער דוד מכת״ם.

עפּעס איז משמעות געשען צווישן די אַרויסגעבערס, וואָס האָט צע־שטערט דעם שלום־בית. אין דעם „תפילות לכל השנה״ [4] פון 1519, דער־קלערן אין דעם קאָלאָפאָן, צום סוף פון ספר די מחוקקים:

„...ועל כן אנחנו חמשה מחקקים אשר שמותינו בתחתית חתמנו
יחד בהסכמה אחת הסכמנו
להרבות ספרים ולהרביץ תורה קבלנו עלינו וקיימנו״...

דאָס מיינט — מיר פינף דרוקערס, וואָס אונדזערע נעמען זענען אונטן געחתמעט, מיט אַן איינשטימיקער הסכמה צו מערן ספרים און האָבן עס מקיים געווען...

און אין דעם וויטערדיקן „מחזור לכל השנה״ נומער [5]) לייענען מיר שוין ביים שלוס פון ספר:

„הנה אנחנו מחוקקים שנים / נתנו לבינו למלאכת שמיים
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
ותהי השלמתו בהוצאה ובמעשה על ידינו / שנת תפ״ר עצת
שונאנו...״

שוין נאָר צוויי זענען געבליבן, און אין דער דאַטע פון יאָר פירן זיי אַריין דעם אָנדייט פון „הפר עצת שונאנו״, אַז עס איז צעשטערט געוואָרן די עצות פון די שונאים.

אין דעם לעצטן ספר פון פראג, די „יוצרות״ [6], ווו עס באַטייליקן זיך ווידער די דערמאָנטע צוויי קען מען אפשר געפינען אַן אָנדייט אין דעם שער, ווו זיי שרייבן: „שישי ועלזי פראג, כי הלבשנוך עדי עדים...״ פריי זיך פראג, ווייל מיר האָבן דיך באַקליידט מיט צירונג... מיר הערן דאָ אַ טאָן פון זעגענען זיך.

חיים שוואַרץ־שחור פאַרלאָזט פראַג אין יאָר 1526, וואָס איז אַ וויכ־טיקע דאַטע אין דער געשיכטע פון דרוק־וועזן ביי ייִדן, פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער שטאָט. אין דאָזיקן יאָר איז דאָ אָפּגעדרוקט געוואָרן די



הפטרה

רשעה גם בחנו אלהים וימלטו ׃
אז נדברו יראי יהוה איש אל רעהו
ויקשב יהוה וישמע ויכתב ספר
זכרון לפניו ליראי יהוה ולחשבי
שמו ׃ והיו לי אמר יהוה צבאות
ליום אשר אני עשה סגלה ח
וחמלתי עליהם כאשר יחמל ו
איש על בנו העבד אתו ׃ ושבתם
וראיתם בין צדיק לרשע בין עבד
אלהים לאשר לא עבדו ׃ כי הנה
היום בא בער כתנור והיו כל זדים
וכל עשה רשעה קש ולהט אתם
היום הבא אמר יהוה צבאות
אשר לא יעזב להם שרש

וענף ׃ וזרחה לכם יראי שמי
שמש צדקה ומרפא בכנפיה ו
ויצאתם ופשתם כעגלי מרבק ׃
ועסותם רשעים כי יהיו אפר תחת
כפות רגליכם ביום אשר אני עשה
אמר יהוה צבאות ׃ זכרו תורת
משה עבדי אשר צויתי אותו בחרב
על כל ישראל חקים ומשפטים ׃
הנה אנכי שלח לכם את אליה
הנביא לפני בוא יום יהוה הגדול
והנורא ׃ והשיב לב אבות על
בנים ולב בנים על אבותם
פן אבוא והכיתי את
הארץ חרם ׃

בעזרת בורא עולם ׃ הספר הקדוש הזה נשלם ׃ על יד חנבר הזקן
על המלאכה - אליעזר בר יצחק זצ״ל מק״ק פראג

מהר״ר יעקב בר משה זצ״ל
משלם בר שלמה זצ״ל
לובימוס בן הר״ר מרדכי יפה שליט מחקק
יעקב בר דוד זצ״ל מחקק
חיים בר יצחק זצ״ל מחקק

קאלאפאן פון „חמשה חומשי תורה“, נומער [27] לובלין 1556; זע זייט 29.

ערשטע אילוסטרירטע הגדה, זי ווערט טאַקע באַקאַנט אין די שפּעטערדיקע יאָרן מיטן יחוס־נאָמען „די פּראגער הגדה". אָפּגעדרוקט איז זי דורך די פּריערדיקע שותפים פון חיים שוואַרץ־שחור. זיין נאָמען איז אויף דער אויסגאַבע נישטאָ.

פון פּראַג לאָזט זיך חיים שחור־שוואַרץ אין דער וועלט אַריין. משמעות אַז ער האָט מיטגענומען מיט זיך אַ טייל פון דעם זאַץ און מכשירים (אפשר אויך דרוקערס) און זיין ערשטע סטאַנציע איז אין אילזאַ פון נידערשלעזיע 10). ער באַקומט דאָרטן פון דעם הערצאָג קאַרל, דעם הערשער פון אילזאַ־מינסטערבערג וווין־און באַשעפטיקונג־רעכט.

דאָרטן דערשיינט איין ספר:

10) דאָס שטעטל אילזאַ, ווי זי פיגורירט אויף דער דאָזיקער אויסגאַבע און ווערט באַנוצט אין די אַלט־העברעיִשע ספרים, הייסט אין דייטש Oels. שפּעטער ווען חיים שחור האָט שוין פאַרלאָזן דעם מקום און האָט זיך געפונען אין אויגסבורג האָט דאָרטן אַ געוויסע צייט געהאַט אַ דרוקעריי איינער פון די לובלינער ברידער העליץ, וואָס האָבן זיך שפּעטער אָפּגעשמדט. עס ווערט איבערגעגעבן, אַז אין יאָר 1935 האָט אַ גרויסער שטורעם־ווינט צעשטערט דאָס הויז וווּ עס איז געווען די דרוקעריי און עס זענען דאָרטן חרוב געוואָרן די ביכער און די איינריכטונגען. זיכער האָט עס נישט צו טון מיט דוד שוואַרצס דרוקעריי, נאָר מיט דעם פון משומד העליץ.

אילזאַ־עלס געהערט היינט צו פּוילן און הייסט אָלעשניצאַ. פאַר דעם היטלער־חורבן איז דאָרטן געווען אַ קהילה פון 120 יידן, אַ פאָר חברות, אַ סינאַגאָגע און אַ בית־עולם. אויך איז בשעתו געווען אָנגעגעבן, אַז דאָרטן זאָל זיך געפינען אַ רייכע העברעיִשע ספרים־זאַמלונג. אין יאָר 1947 האָב איך באַזוכט דאָס געוועזענע אילזאַ־עלס, וואָס איז פאַרפּויליִשט געוואָרן אויף אָלעשניצאַ. עס איז אַ קנופּ־סטאַנציע, וואָס די יידישע שארית־הפליטהניקעס פלעגן דורכקרייצן ביי זייער קומען און זיך באַזעצן אין נידערשלעזיע — ברעסלאַו, שווידניץ, ליגניץ, רייכענבאַך. איך האָב דאָן אין דאָזיקן שטעטל אויסגעפונען די סינאַגאָגע, וואָס האָט געדינט ווי אַ רעפּאַטריאירונג־פּונקט פאַר די „איבערגעזידלטע" פּאָליאַקן פון די „מזרח־קרעסן", בעיקר — פון ווילנער געגנט, וואָס זענען אויפן סמך פון אַן אָפּמאַך מיט דעם ראַטנפאַרבאַנד אַריבערגעפירט געוואָרן אין די אַזוי־גערופענע „ניי־דעראָבערטע געביטן". פון דער פריערדיקער דייטשישער באַפעלקערונג איז שוין דאַן כמעט קיינער נישט געווען. קיינער האָט מיר נישט געקענט אָנווייזן אויפן אָרט פון געוועזענעם יידישן בית־עולם און אַ פּשיטא שוין וועגן דער העבראַיקאַ־זאַמלונג, וואָס זאָל דאָרטן האָבן געווען.

[7] „חמשה חומשי תורה״, מיט די מגילות, און הפטרות. דער־שינען איז דער חומש אין יאָר ר״ץ (1530). אויפן שער־בלאַט איז אָנגעגעבן, אַז דער ספר דערשיינט אונטער דער ממשלה פון דעם „דוכס קאריל יר״ה״ און עס איז דאָרטן אויך דאָ דער שטעמפּל פון דעם הערצאָג, ווי מחוקקים זענען אָנגעגעבן דוד בן יהונתן און חיים בר דוד שחור.

פון דעם דאָזיקן מקום זענען מער קיין ספרים נישט באַקאַנט. 11)

שוין אַ יאָר שפּעטער טרעפן מיר חיים בן דוד שוואַרצן אין אויגס־בורג 12) פון יאָר רצ״א ביז דעם יאָר ש׳ (1531—1540). דרוקט ער דאָ אָפּ נײַן ספרים. צווישן זיי שוין נישט נאָר תפילה־ספרים און חומשים. דאָ זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן:

[8] סידור מכל השנה, רצ״א (1531);

[9] פירוש רש״י, אויף די חומשים און מגילות רצ״ג (1533);

[10] סדר של פסח, רצ״ד (1534);

[11] אגרות שלומים, רצ״ד (1534);

[12] מחזור כסדר האשכנזים, רצ״ו (1936);

[13] סליחות, רצ״ו (1936);

[14] „ארבע טורים״ אין יאָר ש״י (1540), און דער

---

11) דער איינציקער עקזעמפּלאַר געפינט זיך אין דער באָדעליאַנא און איז בשעתו געקויפט געוואָרן פון ר׳ דוד אָפּענהיימער פאַר 30 טהאַלער, אַ גאַר הויכער סכום אין יענע צייטן.

12) אין אויגסבורג, וואָס געפינט זיך אין דעם שוואַבישן רעגירונג־באַצירק פון בייערן, זענען געווען אַ ריי מיט דרוקערייען, וווּ מען האָט געדרוקט ביכער מיט יידישע אותיות. די דרוקערייען זענען אָנגעפירט געוואָרן פון קריסט־לעכע גייסטלעכע און זייער אָפּט פון משומדים (געווען דאַן אין דער מאָדע). שוין מיט 16 יאָר פריער, איידער חיים שוואַרץ האָט זיך דאָרטן באַזעצט זענען שוין דאָרטן דערשינען אַ ריי ביכער אין העברעיש, צווישן זיי אויך קריסטלעכע. אויך בעת זיין וווינען און פירן די דרוקעריי אין אויגסבורג האָט ער געהאַט צו טון מיט די דאָרטיקע קריסטלעכע אַרויסגעבערס. אויף די ספרים וואָס זענען דאָרט אַרויסגעגעבן ווערט דער נאָמען פון דער שטאָט אויסגעלייגט: אוישפּורג, אויגשפּורק, אויגשבורג.

המוציא וברכת על אכילת מצה מרור כורך שיעשה טבול שני
מרור מחרוסת ואחריו הכריכה זכר למקדש כהלל ובשלחן
עורך שיאכל סעודתו ובצפון ברך שיאכל מחצי דמצה הצפונה
לאפיקומן ואחר כך יברך ברכת המזון ויאמר הלל וזהמה
שריצה באמרו הלל נרצה

בערב הפסח כשבא מבית הכנסת יהא שלחנו ערוך ועליו
קערה ובה ג מצות ורקיקות ליטרה ואפיו ושני
תבשילין בשר וביצה או דג וביצה ולפניו קערה החרוסת וקערת
החומץ וכוס מחזיק רביעית מזוג לפני כל אחד ואחד ובשמים ונת
ויקדש בלא נטילה ׃ לשבת אומר זה הקדוש

ויכלו השמים והארץ וכל צבאם ויכל אלהים ביום השביעי
מלאכתו אשר עשה וישבות ביום השביעי מכל מל
מלאכתו אשר עשה ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו כי
בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלהים לעשות ׃

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם בורא פרי הגפן ׃

זייט פון „סדר של פסח״, אויגסבורג 1534, נומער [10], זע זייט 22.

[15] „אבקת רוכל״13); הכלל, זייער וואָגיקע רבנישע האַנט־ספרים. עס זעט אויס, אַז דאָ זענען מיט אים די גאַנצע צייט זיין זון יצחק און איידעם יוסף בר יקר. אמת, זיי ווערן נאָר דערמאָנט ביי דעם „ארבע

13) אבקת רוכל — איינער פון די עלטסטע ספרים. ביז דאַן שוין דערשינען אין צוויי אויפלאַגעס. די ערשטע אין יאָר רע״ו (1516) אין קאָנסטאַנטינאָפּל.

טיטל־זייט פון „ארבע טורים״, אויגסבורג 1540, נומער [14], זע זייט 22.

טורים", אָבער מען דאַרף אָננעמען, אַז ער האָט געהאַט זייער הילף אויך ביי די איבעריקע ספרים.

עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז עס איז אונדזערע דרוקערס ענג געווען אין אויגסבורג. דאָ איז געווען חוץ זיי אַ געוויסע דרוקעריי, וואָס האָט אונטער דער פירונג פון משומד פּאַולוס עמיליוס, גענומען גרייטן אַ ריי אויסגאַבעס (און זענען טאַקע דאָרטן שפּעטער דערשינען, אין די יאָרן 1543—1544), אין ווייבער־טײַטש, ווי „דש ספר מלכים אין טויטשער שפראַך" און „דש שמואל בוך". עס קומען פאָר סיכסוכים צווישן חיים און זיין משפּחה פון איין זייט און דעם נישט־ייִדישן אַרויסגעבער פון דער צווייטער זייט.

זיי פאַרלאָזן אויגסבורג און אין יאָר ש"ד (1544) ווערט אָפּגעדרוקט אין דעם שטעטל איכענהויזען 14) דער ערשטער געבעטבוך אין ייִדיש,

[17] „איין תפילה בום גאַנצן יאָר".

דער דאָזיקער ספר איז געוואָרן אַ זייער וויכטיקער שטודיום־אָביעקט און האָט שוין אַרום זיך, ווי מיר האָבן פריִער דערמאָנט, אַ גאַנצע ליטעראַטור.

פון דער ייִדישער הקדמה, וואָס עס שרייבט יוסף בר יקר צום דאָזיקן ייִדישן סידור ווערט קלאָר, אַז די אַרויסגעבער האָבן געהאַט אַ גאַנצע ריי פּראָיעקטן אַרויסצוגעבן ספרים אין ייִדיש. טייל האָט מען זיי אויסגעכאַפּט („דאָס שמואל בוך"). עס איז בכלל דאַן געווען אַ נאָכפראַגע אויף ביכער אין ייִדיש, אין דער זעלביקער צייט האָט אליה בחור אָפּגעדרוקט דעם „בבא בוך" אין איזני (1541).

---

14) איכענהויזן איז איינע פון די מערקווירדיקסטע שטעטלעך פון בייערן, מיט אַ גאָר לאַנגער און שטורמישער ייִדישער געשיכטע. בעת מיינע נסיעות איבער דייטשלאַנד אין די יאָרן 1948—1951 איז מיר אויסגעקומען דאָרטן צו זיין עטלעכע מאָל טאַקע אין די ענינים פון דער דאָרטיקער דרוקעריי. איך האָב דאָרטן געפונען „לעבעדיקע" שפּורן פון אַ זייער אַקטיוון ייִדישן לעבן, אַ שטומער עדות איז געווען די ריזיקע סינאַגאָגע אויף דער אָסטערן־גאַסע נומער 282. ליידער זענען די אַרכיוואַליען פון דעם 16טן יאָרהונדערט פון דאָזיקן מקום נישט געווען נישט אויפן אָרט און נישט אין אַן אַנדער בייערישן אַרכיוו. זיי געפינען זיך אין עסטרייך, אין אינסבורקער מלוכהשן אַרכיוו.

הגם דער אַרויסגעבער פון דאָזיקן סידור, דער איבערזעצער פון די תפילות אויף יידיש און דער איניציאַטאָר פון אויפטו איז יוסף בר יקר, ווערן אָנגעגעבן די דרוקער: חיים ב״ר דוד ז״ל מחוקק 15); יוסף בן יקר זל היד מחוקק 16); יצחק בר חיים שלי״ט מחוקק. דער צווייטער איז חיימס איידעם, דער דריטער — חיימס זון.

האָבערמאַן ברענגט די גאַנצע יידישע הקדמה. דער דאָזיקער דאָקו־מענט איז אַ שטיק געשיכטע צום בראשית פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך.


קומט הער איר ורומן ורויאן

דא ווערט איר הויפש דינג שויאן · איר ווערט עש
וואל גיוואר / אין תפלה בוס נאגנן יאר · וואל בור
טייטשט אונ בשיידליך / דרום קומט אונ קויפט
ווידליך : איר ווערט זי גונשט בורהויאן / דען זיא
וואכשן ניט אויף דען בוימן : אויך איז זי ניט צו טייער
· אום איין קרונן איז זי אוייער אונ עטוו נעהרהלט
איר אייך שטארק · גידרוקט צו איכנהויזן אין דעם
מארקט אין דעם יאר זא מן צילט דרייא הונדרט אונ
ניר · גוט העלף אונש דש ווער זי בזלעבן שיר · א וו

טיטל־זייט פון יוסף בר יקרס סידור.

15) ביז דעם נומער [8] פון אויגסבורג האָט ער זיך אונטערגעשריבן חיים בר דוד שחור שליט; פון נומער [9] הייבט ער זיך אָן אונטערצושרייבן חיים בר דוד זל — וואָס מיינט, אַז צווישן די יאָרן 1531 און 1533 איז, דוד, חיימס פאָטער, געשטאָרבן.

16) יוסף בר יקר פלעגט ביי זיין פאָטערס נאָמען צוגעבן היד, וואָס זענען די ראשי־תיבות השם ינקום דמו. דאָס באַווייזט, אַז זיין פאָטער איז אומגע־קומען ווי אַ קדוש.

עש מוזן דאראן ביקענן. אל די אויף דער זועלט זענן. אונ׳ איז וואר און אלי פעל. דש דש לשון הקודש איז דש זעמיל מעל. בון דען אנדערן שפרוכן גאר. מן קאן איימש וואל ווייזן אונ׳ מאכן וואר. אויז דער תורה ווען עש עטווש געלט. דש דר מיט איז בישאפן די וועלט. אונ׳ איז די תורה דינן וואדרן געבן. אונ׳ אנדרי ספרים מיר דר נעבן. אונ׳ איז לויטר אונ׳ רייך. אלי שפרוכן און גישענט. דארום מן עש לשון הקודש נענט. דרום איז ניט מינדרש דראן. ווער עש בור שטיט אונ׳ וואל קאן. אונ׳ דרינן טוט זיין גיבעט. דש ער בור גוט ית׳ שטעט. מיר איז אנפפנגן אונ׳ אן גינומן. דען אל די דא זוינשט קומן. אונ׳ ביטן אין איינר אנדרן שפרוך. ווען זי שון שרייאן גאר הוך. אבר אז איצונד שטיט אונזר זאך. זא וינדט מן לנצם אונ׳ גימאך. לוייט די עש וואל בור שטיינן. ווען זי שון וועלן איינן. זי קונן עש גאר בסברא. אונ׳ האבן גישטודירט אין דער גמרא׳ אונ׳ אין עשרים וארבע אונ׳ אנדרן ספרים. דוך זיין עש אייטל דברים. דען זי זיין זיך ווערליך שנעלן. ווען זי דוך מיט איינם רידן וועלן. זא שטין זי דא אונ׳ הויצן. אונ׳ ווישן ווידר צו אירצן נוך צו דויצן. אונ׳ צו בור אויז וועלכר דען דקדוק ניט קאן. איך וויל גישווייגן דען דער גימיין מאן. דען זינט מיר זיין וואדרן בור טריבן. איז אונש דש לשון ניט האלב אויבר גיבליבן. דארום האבן אונזר חכמים דר צו גיטון. אונ׳ האבן אונש די תפלה גישריבן אן. אבר דערזעלביג מולודיא גימיין רוט. דש לשון הקודש באז בור שטאנדן הוט. אונ׳ איז אויך דיא תפלה גיוועזן גאר בישיידליך קורץ אונ׳ גוט. אונ׳ דש מן נוך אל טאג מיר דר צו טוט. אונ׳ מכט אין די תפילות גאר הערבי לשונות. דא מיט דש מן בעונות. אונטר טויזנטן וינט קוים איינן. דער דא ווייש וואז זי מיינן. דרום הלט איך בור אייטל טורן. די אין לשון הקודש וועלן אורן. אונ׳ בור שטין דארינן קיין ווארט׳ איך וועלט דוך גערן ווישן נורט. וואז זי קונן האבן בור איין כוונה. דרום האבן מיר גימאכט איין מסקנה. צו דרוקן די תפלה אין טוייטשר שפרוך. אונ׳ אנדרי ספרים מיר דר נוך. אבר ווערליך אל די טויטשן תפלות די איך הוב גיזעהן. איז ניט אייני אונטר צעהן. די דא איז בור טוייטשט וואל׳ אונ׳ עטליכי קיין רעכט ווארט צו מול׳ דען איין ספר צו בור טוייטשן הוט ויל זינש. ניט דש איכש דרום ריד כלומר איך בינש. דען איך בין איין עם הארץ איין טרופפא. אויך האב איך די תפילה ניט בור טוייטשט אויש מיינם קופפא. זונדר האב מיר אייני אוישגילעזן. די מיך הוט גידוכט זי זייא דיא בעשט גיוועזן. אונ׳ האב זיא מגיה גיוועזן בור אן. אונ׳ גימכט אז גוט אז איכש קאן. אונ׳ הוף השם יתעלה זול מין אונטר ווייזן׳ דז איך מיט קיינרלייא ניט זול גרייזן. אונ׳ וויל מיכש גלייך דרוועגן. ווש איך ניט קאן דש וויל איך ורעגן. אבר איך וויל בור אויז נעמן דען פונט. אונ׳ איין איטליכם טון קונט. דש מן ניט אל וועגן קאן בור טוייטשן ווארט ביא ווארט. אונ׳ צו וויילן מוז מן דען דקדוק שלאגן אן איין ארט. אונ׳ צו,וויילן לענגן צו וויילן קוירצן. צו וויילן דש הינטרשט הר בור שטורצן. אונ׳ אופט מוז מן איין ווארט לשון הקודש לושן בלייבן. דען מן קאנש ניט וואל צו טוייטש שרייבן. צו בור אויש אין דען קרבנות דא וארן. דען עז איז גאר בור ווארן. אונ׳ מן קונטש ניט וואל בור שטין. אונ׳ זולכר ארטיקל נוך ויל מין. אלז דר נוך עז זיך טוט פוגן. איין איקליכר בור שטענדיגר ווייש עז גינוגן. דרום זול איין איקליכר איינן לכף זכות ריכטן. אונ׳ דרום איינן ניט ורניכטן׳ דען עז מושט איינר קונן גאר ויל. דער דא וועלט מכן איין דינג דז אידרמן גיויל. אויך זיין וויר אל לוייט אונ׳ פעלן. עש איז ניקש שאנד דען פוטעלן. אונ׳ גוט אליין דער איז גירעכט. דען זולן וויר ביטן אל אונזר טעג אונ׳ נעכט. דש ער אונש אלן דר לויז מיט קינדר אונ׳ ווייבר. דז ביט אויך יוסף בר יקר דער שרייבר.

יוסף בר יקרס הקדמה צו זיין סידור, פון האַבערמאַנס אַרבעט אין „קרית ספר״.

עס ווערט נאָך אין איכענהויזן אָפּגעדרוקט אַ

[18] „חמשה חומשי תורה״, מיט די 5 מגילות און הפטרות. דערשינען אין יאָר חמשת אלפים ושלש מאות וארבע לבריאת עולם (1544) 17). אָנגעגעבן זענען דאָ אויך די פריערדיקע 3 אַרויסגעבער.

מיט 2 יאָר שפּעטער טרעפן מיר שוין אונדזערע אַרויסגעבער אין דעם שטעטל העדערנהיים 18), ווו עס דערשיינען צוויי ספרים:

[19] „סמנים על חידושי הבחיי״, נדפס מחדש ש״ו לפ״ק (1546) פה ק״ק הידרנום און

[20] „סליחות״ כמנהג אשכנז, העדרנום ש״ו (1546).

ווידער נעמען אונדזערע דרוקער־פּיאָנערן דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט. עס צעטיילט זיך די משפּחה — דער טאַטע מיטן זון גייען קיין לובלין און דער אײדעם — קיין ווענעדיק, אין איטאַליע.

אין יאָר ש״ז (1547) דערשיינט אין לובלין:

[22] „שומרים לבוקר״

און אין יאָר ש״ח (154)

[23] „כתב התנצלות״ לר׳ דוד דרשן.

אין ווענעדיק דערשיינט אין יאָר ש״ח (1548), דער

[21] „פירוש רש״י״ על התורה ועל חמש מגילות.

אין דער דרוקעריי פון „האדון מארקו אַנטוניאו יושטיניאַן״. אין דער קאָלאָפאַן, צום סוף פון ספר, ווערט דערמאָנט אַז יוסף בן יקר האָט עס

---

17) משמעות, אַז דאָ האָבן זיי זיך באַנוצט פון דעם פולן אויסלייג פון דעם לפ״ק און נישט ווי געוויינלעך מיט דעם אותיות־באַטרעף, אין דעם פאַל ש״ד, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט האָבן פאַר זיך אַ סינאָנים פון „נישט־גוטע״ — שד, וואָס מיינט טייוול. אגב, איז עס גאָר אָפט ביים יאָר־באַטרעף ש״ד אָנגעווענדט געוואָרן.

18) אין דער דייטשער טראַנסקריפּציע הייסט די שטאָט העדדערנהיים. אונדזערע אַרויסגעבער האָבן גענוצט דעם אויסלייג הידרנום און העדרנום. דאָס שטעטל געפינט זיך אין וויסבאַדענער קרייז אין העסען. ערב דעם היטלער־חורבן האָט די אָרטיקע קהילה געציילט 132 נפשות. ווען איך בין דאָרטן אין יאָר 1951, געווען, האָב איך שוין נישט געטראָפן קיין שום יידישן צייכן, חוץ אַ פאַר־וואָרלאָזטן בית־עולם. וועגן דער געוועזענער דרוקעריי האָט נאָר געוווסט דער אָרטיקער פּאַסטאָר.

קאָרעגירט. ער האָט עס אויסגעבעסערט, סיי פון פריִערדיקע געדרוקטע און סיי פון כתב־ידן.

אין יאָר שי״א (1551) טרעפן מיר שוין יוסף בר יקרן אין לובלין. איך דעם דאָזיקן יאָר דערשיינט דאָרטן דער

[24] „מחזור״, מנהג פולין.

ווי אַרויסגעבער זענען יוסף בר יקר און זיין שוואָגער יצחק בר חיים, וועלכער גיט שוין צו ביים פּאָטערס נאָמען ז״ל (זכרונו לברכה) און נישט ווי פריִער שלי״ט (שיחיה לימים טובים). דאָס הייסט, אַז אין דער צווישנ־צייט פון ש״ו (1546) ווו מיר טרעפן אים נאָך אין העדערנהיים, ביז דעם יאָר איז ער געשטאָרבן.

דאָ אין לובלין דערשיינען נאָך צוויי ספרים, אַרויסגעגעבן דורך די דאָזיקע צוויי אַרויסגעבערס:

[25] „יוצרת אופנים וזולתות״ — שנת שי״ג ליצירה (1353), בעשרים לימי הספירה, פה ק״ק לובלין הבירה.

[26] „סדור מכל השנה״ — שנת והיה שד״י בצריך (1554) פה בק״ק ליבלין (!).

נאָך דעם דאָזיקן ספר איז דערשינען אין יאָר שי״ז (1557) אַ ווייטער־דיקער ספר, וואָס האָט אַ שייכות צו דער דאָזיקער דרוקער־משפחה, דאָס איז:

[27] „חמשה חומשי תורה״ מיט די 5 מגילות און אַלע הפטרות, מיטן פירוש רש״י. דער דאָזיקער ספר איז שוין דערשינען נאָך דעם טויט פון יצחקן, דעם זון פון רב חיים שחור־שוואַרץ. אין שפּיץ פון די אַרויס־געבער („על יד הגבר אשר הוקם על המלאכה״) ווערט אָנגעגעבן אליעזר ב״ר יצחק זצ״ל מק״ק פּראג. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז אַ זון פון פאַרשטאָר־בענעם יצחק, אָן אייניקל פון ר׳ חיימען. די אונטערגעצייכנטע דרוקערס, ווערט אָנגעגעבן, האָבן זייער אַרבעט אויסגעפירט אונטער דער אויפזיכט פון די אַפּוטרופּסים, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן פאַרן יתום חיים ב״ר יצחק. דער יתום האָט נישט געקענט זיין עלטער פון 9 יאָר. דער זיידע זיי־נער ר׳ חיים שחור־שוואַרץ, נאָך וועמען ער איז משמעות אַ נאָמען, איז

דאָך געשטאָרבן, ווי מיר ווייסן, שוין פריִער, צווישן די יאָרן ש״ת און שי״א.

אַזוי האָט זיך פונקט מיט 400 יאָר צוריק אָפּגעשלאָסן דער ערשטער קאַפּיטל פון דער אַריינדרינגונג פון יידישן דרוקוועזן קיין פוילן.

אַ נייעם קאַפּיטל עפנט אין דעם יידישן בוכדרוק־וועזן אין לובלין, אין יאָר 1562, קלונימוס בן הד״ר מרדכי יפה, דער מאַן פון חיים שחורס אַן איינִיקל.

א. מ. האַבערמאַן האָט זיין שטודיע באַגלייט מיט אַ ריי פאַקסימיליעס: פון יוסף בר יקרס יידישן סידור, פון אויגסבורגער סידור, פון אויגסבורגער הגדה און פון דעם חומש וואָס עס איז געדרוקט געוואָרן אין לובלין, נאָכן טויט פון יצחק, חיים שחור־שוואַרצס זון.

עס איז אין דער דאָזיקער אַרבעט פאַראַן אַ גאָר פּרטימדיקע ביב־ליאָגראַפישע רשימה פון די 27 דרוק־אויסגאַבעס, וואָס עס האָט מיט זיי געהאַט צו טון די דרוקער־משפחה פון חיים שחור־שוואַרץ. עס זענען אויך אָנגעגעבן גענויע ביבליאָגראַפישע אָנווייזונגען, ווו די דאָזיקע דרוקן ווערן דערמאָנט און ווו עס געפינען זיך די דאָזיקע יקר־המציאותן. כדאי צו־צוגעבן, אַז פון די דאָזיקע אוניקומס געפינען זיך:

די נומערן: 4, 16, 24, 26 אין דער שאָקען־ביבליאָטעק, ווו האַ־בערמאַן איז ביבליאָטעקאַר;

ווייטערדיקע אוניקומס געפינען זיך:

אין דער ביבליאָטעק אין פּראג — דער נומער 1;

אין דעם בריטישן מוזיי — דער נומער 10;

אין דער ביבליאָטעק אין מינכען — דער נומער 17;

אין דער באָדעליאַנא אין אָקספאָרד: די נומערן 7 און 18;

אין טעאָלאָגישן סעמינאַריום אין ניו־יאָרק — דער נומער 25.

דאָס הייסט, אַז פון די דאָזיקע 27 אויסגאַבעס איז נאָר באַוווסט, אַז 10 געפינען זיך צו איינצלנע עקזעמפּלאַרן אין פאַרשידענע ביבליאָטעקן אין דער וועלט. צי געפינען זיך ערגעץ ווו איינצלנע עקזעמפּלאַרן פון די אַנדערע 17 אויסגאַבעס, איז נישט באַוווסט.

קאַפּיטל דריי

מקורות וועגן דער דרוקעריי אין פראַנקפורט ד׳אָדער

Zur Geschichte der Hebraischen Buchdruckerei in Frankfurt a. d. Oder: Urkundliche Beitrege von Rabb. Bernhard Brilling, Tel-Aviv

אין די נומערן: 2 — 1953; 3, 4 — 1954; 2 — 1955;
און 3 — 1956 פון דעם ביבליאָגראַפישן זשורנאַל
STUDIES IN BIBLIOGRAPHY AND BOOKLORE, Cincinnati, Ohio, U.S.A.

ווי מיר האָבן זיך נוהג געווען אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל, וועלן מיר אויך דאָ ראשית פאָרשטעלן די אויסגאַבע, ווו די שטודיע איז פאַרעפנטלעכט און אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם מחבר אירן, ראַבינער ד״ר בערנאַהרד ברילינג.

די „שטודיעס״ האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען אין יאָר 1953. דער ערשטער העפט פון ערשטן באַנד איז דאַטירט סיון תשי״ג — יוני 1953. ביז היינט זענען שוין דערשינען 8 העפטן. דאָס מיינט, זיי דערשיינען רעגלמעסיק צוויי מאָל אין יאָר. דער אינהאַלט זייערער איז טאַקע ווי עס זאָגט זיך אין דעם טיטל פון זשורנאַל — שטודיעס צו ביבליאָגראַפיע און בוכוויסנשאַפט. אַרויסגעגעבן ווערן די דאָזיקע „שטודיעס״ פון דער ביבליאָטעק ביי:

Hebrew Union College - Jewish Institute of Religion.

די רעדאַקטאָרן זענען: עדוואַרד קיעוו, יעקב ר. מאַרקוס, משה מאַרקס, ישעיה זאַנע, הערבערט צ. זאַפראַן.

די הויפּט־שפּראַך פון די שטודיעס איז ענגליש, אָבער טייל אַרבעטן דערשיינען אויך אין העברעיש (פון יצחק ריבקינד) און די אַרבעט, וועגן וועלכער מיר רעדן דאָ ווייטער איז אין דייטש.

אין דער ענגלישער שפּראַך־ספּערע איז עס דער איינציקער זשורנאַל פאַר יידישער ביבליאָגראַפיע און ביבליאָפיליע.

דער מחבר פון דער אַרבעט, ראַבינער ד״ר בערנהאַרד ברילינג איז איינער פון די אָריגינעלסטע און פּראָדוקטיווסטע פאָרשערס פון יידישן עבר — דערביי אַ יושב־אוהלים. אַן אָפּשטאַמיקער פון דייטשלאַנד (נאָך דעם כאַראַקטער און טעמאַטיק פון זיינע שטודיע־אַרבעטן, משמעות פון שלעזיע), זיצט אין תל־אביב און איז אומדערמידלעך ביים אַרויסהייבן פון אונטערן אַרכיוו־שטויב וווּנדערלעכע פאַקטן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידן. ער איז סיי אַרכיוואַר, סיי ביבליאָגראַף, סיי ביאָגראַף, סיי פּאַלעאָגראַף, סיי היסטאָריקער.

די ערשטע אַרבעט פון ד״ר ברילינג וואָס איז מיר באַקאַנט (און האָב זי טאַקע אונטערן האַנט) שטאַמט פון בערך 30 יאָר צוריק, דאָס איז אַ שטודיע פון יאָר 1928, וועגן די יידישע משפּחות אין צילץ, אַ שטעטל אויף דער גרענעץ פון שלעזיע און בעהמען 19). דאַן האָט ער זיך טיטולירט: סטודענט פאַר פילאָסאָפיע און טעאָלאָגיע.

---

19) אין די שאלות־ותשובות פון מהר״ם מלובלין „מנהיר עיני חכמים״, געפינט זיך אין דעם סימן מ׳ אַן ענין צווישן דער שטאָט צילץ און דאָס שכנותדיקע האָצענפּלאָץ. געווען איז עס אין יאָר 1582 ווען דער דייטשער קיסר רודאָלף דער צווייטער האָט אַרויסגעטריבן די שלעזישע יידן חוץ פון צוויי שטעט, די דערמאָנטע צילץ און האָצעפּלאָץ.

די דאָזיקע אַרבעט פון ד״ר ברילינג טראָגט דעם טיטל:

"Die juedische Familien von Zuelz O. S.", 1725.

און איז פאַרעפנטלעכט אין:

Juedische Familien-Forschung.

נומער 15 (4טער יאָרגאַנג, 1928) און נומער 19 (5טער יאָרגאַנג, 1929), וואָס זענען דערשינען אין בערלין. ליידער פעלט מיר דער המשך פון דער דאָזיקער אַרבעט.

מיט בערך 10 יאָר שפּעטער, איז אין זעלביקן מקור פאַרעפנטלעכט אַ צווייטע שטודיע וואָס איך האָב 20) און דאָרטן ווערט ער שוין באַצייכנט ווי: ראַבינער און אַרכיוואַר פון דער סינאַגאָגן־געמיינדע אין ברעסלאַו.

אין 1932 פאַרעפנטלעכט ער אַ סעריע ביבליאָגראַפישע רשימות וועגן דער יידיש־שלעזישער ליטעראַטור.

אין משך פון יאָרן דרוקט ער זיינע אַרבעטן אין די דייטש־יידישע היסטאָרישע זשורנאַלן און זאַמלביכער.

ער איז אַן אָפטער גאַסט אין דעם העברעישן פאָלקלאָריסטישן זשורנאַל „ידע־עם״, וואָס דערשיינט אין תל־אביב.

אין „ציון״, קוואַרטאַל־שריפט פון דער ישראלדיקער היסטאָרישער געזעלשאַפט („החברה ההיסטורית הישראלית״) אין ירושלים, פאַרעפנטלעכט ער אַ ריי שטודיעס וועגן דערווירטשאַפט־געשיכטע פון די יידן אין עסטרייך, פוילן און שלעזיע. 21)

אין די „ייוואָ־בלעטער״ פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין אַמעריקע, דרוקט ער אָפּ אַן אומבאַקאַנט קאַפּיטל צו דער געשיכטע פון „וועד ארבע ארצות״. 22)

הכלל — אין משך פון 30 יאָר איז ער איינער פון די פּראָדוקטיוו־שאַפנדיקע פאָרשערס, וואָס באַזאָרגט מיט היסטאָרישע עסייען און סטודיעס, כמעט אַלע יידישע ערנסטע זשורנאַלן אויף אַלע שפּראַכן.

פון די דאָזיקע עטלעכע ביאָ־ביבליאָגראַפישע ידיעות וועגן מחבר, ווערט קלאָר זיין פּילזייטיקייט און באַהאַוונטקייט.

---

20) דאָרט, העפט 50, 14טער יאָרגאַנג, 1938. טראָגט דעם טיטל:
"Die aeltsten Grabsteine des Zuelzer Friedhofes"

21) „הגזירה על מעות ארץ־ישראל באוסטריה, בשנת 1723״.
„ציון״, באַנד ב׳, 1954, זייטן 67—69.
„על קשרי המסחר בין יהודי פולין וברסלאו בשנות התשעים של המאה הי״ד ירושלים.
„ציון״, באַנד כ„, 1954, זייטן 67—69.

22) בערנהאַרד ברילינג — „דער קאַמף פון וועד ארבע ארצות צו דערלויבן בתי־תפילות אין ברעסלע אין 17טן יאָרהונדערט״ אין „ייוואָ־בלעטער״, ניו־יאָרק, באַנד 39, 1955, ז״ז 26—51.

נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך באַקענט מיט די „שטודיעס" און מיטן מחבר, גייען מיר איבער צו דער דערמאָנטער פאָרשונג — וועגן דער יידישער דרוקעריי אין פראַנקפורט ד'אָדער, וואָס איז געדרוקט אין 5 המשכים אין דער דערמאָנטער אויסגאַבע פון סינסינאַטי.

די איצטיקע פאָרשונג איז אייגנטלעך אַ המשך פון דעם מחברס אַן אַרבעט, וואָס ער האָט שוין אָנגעהויבן מיט 20 יאָר צוריק 22). איצט האָט ער די פריִערדיקע עסיי שטאַרק אויסגעברייטערט, דערגאַנצט, באַרייכערט מיט אַ גאָר גרויסער צאָל ווערטיקע אַרכיוו-דאָקומענטן און באַגלייט מיט צאָלרייכע הערות אויפן סמך פון ווערק וואָס זענען אין משך פון לאַנגע יאָר דערשינען.

דער מחבר דערציילט אין דעם אַריינפיר, אַז ער האָט די אַרכיוואַליען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין די „שטודיעס", בשעתו קאָפּירט פון דריי נישט-יידישע אַרכיוון, דהיינו:

1) פון געהיימען מלוכהשן אַרכיוו פון בערלין - דאַהלעם;

2) פון פּרייסישן מלוכה-אַרכיוו אין בראַסלאַו;

3) פון שטאָטישן אַרכיוו אין פראַנקפורט ד'אָדער.

אָפּגעשריבן האָט ער די אַקטן שוין בימי-היטלער, אין די יאָרן 1934—1936. ער גיט צו, אַז וואָר וויס צי די דאָזיקע אַקטן זענען נאָך היינט פאַראַן. דאָס מיינט, אַז עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די דאָזיקע „אורקונדן" און „ליסטעס", וואָס דער מחבר פאַרעפנטלעכט אין זיין אַרבעט פון די „שטודיעס" זענען, ממש אין דעם פשוטן זין פון וואָרט אַרויסגעכאַפּטע רעשטן פון נישט-דערברענטע שייטן פון דעם פלאַקערדיקן שייטערהויפן.

***

די געשיכטע פון דער יידישער דרוקעריי אין פראַנקפורט ד'אָדער איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלען אין יידישן דרוק-וועזן און זי

23) "Gruendung und Privilegien der hebraischen Buchdruckerein in Frankfurt a. d. Oder".

אין:
"Monatschrift fuer Geschichte und Wissenschaft des Judentums", 1936.

פאַרמאָגט שוין אַ גאַר היפּשע ליטעראַטור 24). דער יידישער דרוק־וועזן אין פראַנקפורט ד׳אָדער האָט זיין באַזונדערן מאָמענט, וואָס איז כאַראַקטע־ריסטיש אויך פאַר דער אַלגעמיינער געשיכטע פון די יידן אין דייטשלאַנד.

פאַקטיש האָט די דאָזיקע דרוקעריי, ווו עס האָבן זיך געדרוקט גאַר וויכטיקע יידישע ספרים (עס וועט וועגן דעם אויסקומען אַ ביסל וויי־טער צו דערציילן) כמעט נישט געהערט צו קיין יידן. אירע באַלעבאַטים זענען געווען קריסטלעכע גייסטלעכע אָדער פּראָפעסאָרן פון דער אָר־טיקער אוניווערזיטעט. פאַקטיש איז טאַקע די דרוקעריי געשטאַנען אונ־טער דעם עדיקט פון דער אוניווערזיטעט און געגאַסן פון אַ מין „עקסטעריטאָריאַליטעט״. אַהער האָבן נישט דערגרייכט די פאַרשידענע געזעצן און פאַראָרדענונגען פון די מלוכהשע און שטאָטישע סטאַטוטן, וואָס האָבן באַגרענעצט די רעכטן פון די יידן. עס פלעגן טאַקע פאָר־קומען סיכסוכים צווישן די שטאָטישע בירגער־אַמטן מיט דער פירער־שאַפט פון אוניווערזיטעט וועגן די דאָרטן באַשעפטיקטע יידישע דרוקערס. די שטאָטישע מאַכט האָט נישט געוואָלט דולדן די צו גרויסע און פרייע „פּריווילעגיעס״ פון די יידן וואָס האָבן זיך געפונען, צוליב זייער אַרבעט, אין דער דרוקעריי, אונטער דער יוריסדיקציע פון דער אוניווערסיטעט־מאַכט און אַזוי אַרום אויסגעמיטן די כל־המינים נגישות און טאַקע גירושים ווי די אַנדערע יידן. נישט איין פּראָטעסט האָבן די שטאָט־באַלע־באַטים אַריינגעטראָגן צו די העכערע רעגירונג־אינסטאַנצן קעגן דער

24) פרידבערג בערנאַהרד — „תולדות הדפוס העברי בערים האלה שבאירופה התי־כונה: אויגשבורג ...פרנקפורט דאדרה ...דברי ימי חיי מיסדיו ובוניו, קורות עזריהם והמדפיסים הבאים אחריהם. עם רשימת הספרים הנדפסים על ידיהם. מעובד על פי המקורות״, אַנטווערפּן תרצ״ה — 1935.

ביי אַלע ביבליאָגראַפן ווי שטיינשניידער, וואלף און בעיקר אין דער אַר־בעט צום הונדערטסטן יובל פון דעם אָפּדרוקן דעם תלמוד אין דייטשלאַנד די אַרבעט פון מאַקס פרוידענטאַל:

"Zum Jubilaeum des ersten Talmuddrucks in Deutschland".

אין:

"Monatschrift fuer Geschichte und Wissenschaft des Judentums", Jahrgang, 42, 1897.

אוניווערסיטעט־מאַכט, וואָס האָט לגבי די ייִדן באַשאַפן „אַ מלוכה אין דער מלוכה״.

ווי געזאָגט זענען די אַרויסגעבערס און אַנפירערס פון דער דרוק־קעריי געווען נישט־ייִדן. אַזאַ צושטאַנד איז געווען אין משך פון העכער 200 יאָר.

אין יאָר 1595 זענען עס יאָאַכים און פרידריך האַרטמאַן;

אין יאָר 1597 — אייכהאָרן;

אין יאָר 1681 — פּראָפעסאָר יאָהאַן כריסטיאַן בעקמאַן;

צווישן די יאָרן 1893—1695 גייט די דרוקעריי אַריבער צום קריסט מיכאַל גאָלטשאַק;

אין יאָר 1740 איז שוין דער אייגנטימער פּראָפעסאָר גרילאָ;

אין די יאָרן 1788—1767 גייט די דרוקעריי אַריבער צו דער אלמנה פון גרילאָ;

שפּעטער — ביז 1796 פאַרוואַלטעט מיט דער דרוקעריי פּראָפעסאָר גרילאָס טאָכטער;

אין יאָר 1797 נעמט עס איבער דער פּראָפעסאָר עלסנער, וואָס פאַר־וואַלטעט מיט דער דרוקעריי ביזן יאָר 1813, ווען זי גייט אַריבער אין ייִדישע הענט.

אָבער אויך אין דער צייט ווען די אָפיציעלע און פאַקטישע באַלעבאַ־טים זענען געווען קריסטן האָבן דאָרטן אויסשליסלעך געאַרבעט ייִדישע זעצערס, דרוקערס און קאָרעקטאָרן און אויך די געשעפט־פירער, פאַרקוי־פערס, זענען געווען ייִדן.

אין דעם ערשטן טייל פון זיין אַרבעט פאַרעפנטלעכט ד״ר ב. ברילינג זעקס דאָקומענטן („אורקונדעס״) פון צווישן די יאָרן 1724—1675 וואָס האָבן טאָקע אַ שייכות מיט קאַמף פון דעם שטאָטישן בירגערטום קעגן דער אוניווערסיטעט און אירע פּראָפעסאָרן פאַרוואָס זיי „פּריווילעגירן״ ייִדן. עס זענען פאַראַן דענונציעס, אַז די ייִדן זענען נאָר פיקטיוו דרוקערס, אַז דאָס איז נאָר אַן אויסרייד פאַר זייערע אַנדערע באַשעפטיקונגען. עס איז אַפילו תחילת געווען אַ קלאַוזול, אַז ווי דרוקערס קענען אַרבעטן

„אומבאַווייבטע ייִדן", כּדי זיי זאָלן זיך ראשית זיך נישט פאַרמערן און זאָלן אויך נישט פאַרלאַנגען איינגעגעזעסנקייט־רעכט.

גאָר שפּעטער, שוין אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט, ווען די דרוקעריי האָט זיך געפונען אין פּראָפעסאָר עלסנערס הענט און ער האָט זי געוואָלט איבערגעבן אין אַרענדע צו אַ ייִדן (דעם ברעסלאַוער ייִד יוסף־מיכל מאַי 25), דער אייגנטימער פון דער ייִדישער דרוקעריי אין דיהרענפורטן) איז לגבי דעם געווען אַ גרויסע קעגנערשאַפט און ער האָט עס טאַקע דאַן נישט דורכגעפירט.

ערשט אין מאַי 1813, נאָך דעם ווי עס איז אַ דאַנק דער נייער פּרייסישער „יודענגעזעצגעבונג" בטל געוואָרן די אויסנאַם־לאַגע פון די פראַנקפורטער ייִדישע דרוקערס און אַלע פראַנקפורטער ייִדן האָבן באַקומען פּרייסישע בירגעררעכט איז געוואָרן מעגלעך, אַז די פראַנקפורטער דרוקעריי זאָל אַריבער אין ייִדישע הענט.

אין דערמאָנטן יאָר 1813 האָט דער דרוקער הירש באַשוויץ, וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין דער פראַנקפורטער דרוקעריי אָפּגעקויפט ביים פּראָפעסאָר עלסנער די דאָזיקע דרוקעריי. הירש באַשוויץ איז געווען אַ זון און אַן אייניקל פון דרוקערס, וואָס האָבן יאָרנלאַנג געאַרבעט אין דער דאָזיקער דרוקעריי.

ד"ר ברילינגס איצטיקע אַרבעט באַשעפטיקט זיך בעיקר מיט דער „פּערסאָנאַלער" זייט פון דער דרוקעריי אין פראַנקפורט ד'אָדער. עס וועט שפּעטער אויסקומען דערפון צו רעדן, ווען מיר וועלן זיין ביי דער צווייטער טייל פון זיין שטודיע, ווו ער ברענגט אַרויס די „ליסטעס" פון דעם באַשעפטיקטן פּערסאָנאַל אין דער דאָזיקער דרוקעריי.

איידער מיר קומען צו דער דאָזיקער טייל דאַרפן מיר פעסטשטעלן,

---

25) יוסף מיכל מאַי איז בשעתו געווען ראש־הקהל אין ברעסלאַו. דער זעלביקער מאַי ווערט פון ברילינגן אָנגעגעבן ווי דער אייגנטימער פון דיהרענפורטער דרוקעריי. בעת דעם פּרוּוו צו פאַרקויפן די דרוקעריי אין יאָר 1808. אין שטיינשניידערס „ייִדישע טיפּאָגראַפיע" ווערט דערמאָנט יחיאל־מיכל מאַי, דער וואָס האָט פון 1780 געהאַט אין דיהרענפורט אַ דרוקעריי און אַז די דאָזיקע דרוקעריי איז געפירט געוואָרן פון זיין אלמנה רחל און פון זיינע זין.

אַז פאַר דער צייט פון דער טעטיקייט פון דער דאָזיקער דרוקעריי ווען זי האָט זיך געפונען אונטער דער השגחה, אפּוטרופּסות און פירונג פון קריסטן זענען דאָרטן דערשינען וויכטיקע העברעיִשע ספרים. חוץ אַ גאַנצע רייע פון געבעט־ביכער — סידורים און מחזורים, חומשים מיט פּירוש זענען אין דער דאָזיקער דרוקעריי דערשינען אַ סך וויכטיקע רבנישע ספרים. ראשית־כל איז פראַנקפורט ד'אָדער באַרימט דערמיט וואָס דאָ איז צום ערשטן מאָל אין דייטשלאַנד אָפּגעדרוקט געוואָרן דער גאַנצער תלמוד 26).

די דאָזיקע ספרים האָבן טאַקע פאַראייביקט אויף זייערע שער־בלעטער די נישט־ייִדישע אייגנטימער־אַרויסגעבערס.

אַזוי געפינט זיך אויפן שער פון ספר „ארבע חרשים"", דערשינען אין יאָר 1680 אין פראַנקפורט ד'אָדער די נאָטיץ, אַז דער ספר איז געדרוקט:

„בבית האדון יוחנן קריסטוף בעקמן דאקטור פרופאסר בעיר הגדולה והמהללה פרנקפורט דאדרה" 27).

דאָס זעלביקע איז פאַראַן אויפן ספר „עולות יצחק", פראַנקפורט ד'אָדער אין יאָר 1692. 28)

אויפן שער פון ספר „עיר בנימין", געדרוקט אין יאָר 1698 זאָגט זיך:

„מיט אויף זיכט האדון יוחנן קריסטוף... גדרוקט אין הויז ביי דען הערן מיכל גאָטשאלק" 29).

אויף דער דערמאָנטער תלמוד־אויסגאַבע פון פראַנקפורט ד'אָדער געפינט זיך אויף די שער־בלעטער פון יעדער מסכתא:

„ויש שכר לפעולתו הוא ניהו הראש הקצין פו"מ (פרנס ומנהיג) כהר"ר יששכר בערמאן סג"ל מהלברשטט שהזיל מכיסו כל מכשירי

---

26) פּרטימדיק וועגן דעם אין: רפאל נתן נטע רבינוביץ „מאמר על הדפסת התלמוד", לעצטע אויסגאַבע מיט אויסבעסערונגען, דערגאַנצונגען און אינדעקס פון א. מ. האבערמאַן, ירושלים תשי"ב, זייטן צ"ו—ק".

27) רעפּראָדוקציע „שטודיעס", באַנד 1, העפט 2, זייט 87.

28) דאָרטן, באַנד 1, העפט 3, זייט 151.

29) דאָרטן, באַנד 1, זייט 189.

ספר „ארבע חרשים", פראנקפורט ד׳אדר, 1680.

הוצאות הדפוס תחת ממשלה פרידריך השלישי קורפירסט צו בראני־בארג ע״י (על ידי) השתדלות יוחנן קריסטוף בעקמן דאקטר ופרו־פעסר בפפד״א (בפראנקפורט דאדער) געדרוקט דארך דען הרן מיכל גוטשאלק.״ 30).

דער דאָזיקער תלמוד געדרוקט צווישן די יאָרן תנ״ז און תנ״ט (1697—1699) איז איינער פון די אָריגינעלסטע אויסגאַבעס. נישט נאָר וואָס דאָס איז דער ערשטער גאַנצער תלמוד וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דייטשלאַנד, נאָר עס איז אין אים אַריינגענומען געוואָרן אַ גאָר גרויסער טייל, וואָס די צענזור האָט בשעתו אַרויסגעוואָרפן פון תלמוד. הגם עס ווערט אָנגעגעבן, אַז ער איז נאָכגעדרוקט פון דעם באַזעלער דרוק, וואָס איז צענזורירט געוואָרן דורך דעם צענזאָר, איז עס נאָר געווען פאַרן אויג וועגן — פאַקטיש איז אין דאָזיקן תלמוד אַריינגעגעבן כמעט אַלע „צענ־זורירטע״ שטעלן און דערצו צוגעגעבן דעם ספּעציפישן צענזאָר־סימן „ואין להוסיף״...

אין זיין צווייטן טייל פון דער אַרבעט באַשעפטיקט זיך ד״ר ברילינג מיט די „דרוקערליסטעס״, וואָס די אויפזיכט־אָרגאַנען פון דער דרוקעריי פלעגן פון צייט צו צייט צוזאַמענשטעלן.

די דאָזיקע ליסטעס זענען טאַקע צונויפגעשטעלט געוואָרן קעגן די אָנקלאַגעס פון די פראַנקפורטער בירגערלעכע אַמטן, אַז אין אוניווערסיטעט פאַרשטעקן זיך יידן, וואָס האָבן מיטן דרוקער־פאַך נישט צו טאָן. עס איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן איינצופירן אַ מין עקזאַמיניר־קאָמיסיע וואָס

30) רפאל נתן נטע רבינוביץ — „מאמר על הדפסת התלמוד״, זייט צ״ו. אַרויסגעגעבן איז געוואָרן דער תלמוד דורך דער סובסידיע פון מעצענאַט ישכר בערמאַן פון האַלבערשטאַט, וועלכער האָט געשמט ווי דער ראַטגעבער פון זאַקסישן מלך אויגוסט. ווי עס דערציילן די כראָניקערס פון יענער צייט, זאָל ער אויפן דרוקן פון תלמוד האָבן אויסגעגעבן ביז פופציק טויזנט רייניש טאַלער. דער תלמוד איז געדרוקט געוואָרן אין 5.000 עקזעמפּלאַרן און ער האָט מער ווי די העלפט צעטיילט אומזיסט פאַר די לומדים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט איינצוקויפן עס. מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס איז געווען בערך 50 יאָר נאָך די כמעלניצקי־גזירות ת״ח ות״ט, ווען די מערהייט יידישע קהילות זענען חרוב געוואָרן, צוזאַמען מיט זייערע בתי־מדרשים און ספרים.

הסדורה תניינא של **עולת יצחק** הגהות קדשות
מחקרות בלו על שחיטות ובדיקות של הגאון מהר״ר יעקב וייל זה שליקט וחיבר
כל חדושי דינים והלכו׳ פסוקות מפוסקי קדמאי ובתראי ה״ה הגאונים ב״ח וט״ז וכ״ע
זהב ונעל שפתי כהן ופנים קדשות ובית הילל ואחר גאוני עולם אשר מפיהן אנו חיין
עם הגהות ישינים אשר כבר היו לעולמים על שחיטות ובדיקות עד היום והנה מעי׳
ה׳ חזה רוחו של האלוף התורני הזקן זה קנה חכמה ה״ה הישיש כהר״ר יצחק בה״ק
מהר״ר ישעי׳ וכ״לה״ד ה״ה היושב בתוך הגולה בק״ק טריגר אשר שחיבר כל דיני
שחיטות ובדיקות יחד על דגלו ועל מקומו כדי להאיר עיני עב״רים של כל
השוחטים ובודקים ושף ללחדים ומופלגים שכל א׳ וא׳ ימצא כל דין
ודין מה שיבקש במקום הראוי לו ע״כ קראו גוזו וקנו ושל
בספכם על תחומו :

לסדר אם בחקותי תלכו ואת מצותי תשמרו ועשיתם אותם לפק

נדפס פעם שנית פה קק פרנפורט
דאדרה :

תחת ממשלת אדונינו הדוכס גדול המיוחס חסד המהולל והאדיר פרידריך שליפי
קורפירשט בו ברנדינבורג השם ירום הודו ויתנשא מלכותו אמן :

בבית האדון יוחנן קריסטוף בעקמן דאקטר ופרופעסר בעיר הגדולה
והמהוללה פרנקפורט דאדרה :

ספר „עולת יצחק“, פראַנקפורט ד׳אדר׳, 1692.

האָט געדאַרפט פעסטשטעלן און קוואַליפיצירן דעם געגעבענעם קאַנדידאַט, געהייסן האָט עס, מען האָט אים אינסקריבירט אין דעם דרוקער פּערסאָנאַל פון דער אוניווערסיטעט־דרוקעריי.

די ערשטע קאָמיסיע פון די „ליסטעס" וואָס ד"ר ברילינג פּאַרעפנט־לעכט איז באַשטאַנען פון דעם רעקטאָר פון אוניווערסיטעט ד"ר דיטריך זיגפריד קלעסען (ער איז געווען פּראָפעסאָר פאַר טעאָלאָגיע). דער סינ־דיק פון אוניווערסיטעט ד"ר האַנקע און דער סעקרעטאַר פון אוניווערסי־טעט, מאַגיסטער פעללאַרדט. די קאָמיסיע איז זיך צוזאַמענגעקומען דעם 28טן יאַנואַר 1724 און האָט דאַן אויסגעהערט און עקזאַמינירט די באַ־שעפטיקטע דרוקערס אָדער זייערע פרויען, אויב די מענער זענען נישט געווען. 14 מאַן זענען עס געווען אויף דער דאָזיקער עקזאַמינירונג־קאָמיסיע.

ד"ר ברילינג ברענגט די נאָמענטלעכע „ליסטעס" פון די יאָרן: 1728, 1729, 1731, 1733, 1734, 1735, 1752, 1753, 1755, 1760, 1765, 1770, 1775, 1785, 1790, 1805. אַלזאָ פאַר אַ משך פון בערך 75 יאָר. אַלע „ליסטעס" שטאַמען פון שטאַטישן אַרכיוו אין פראַנקפורט ד׳אָדער חוץ צוויי (1734 און 1735) וואָס זענען פון ברעסלאַוער אַרכיוו.

די דאָזיקע „ליסטעס" שטעלן צו אַן אויסערגעוויינלעכן פאַרשידנ־אַרטיקן „רוישטאָף" פאַר אַן אַ שיעור שטודיעס, עס האָבן דאָ מאַטעריאַל די יעניקע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט ייִדישער גענעאַלאָגיע, ייִדישע משפּחה־שטאַמען; עס האָבן דאָ מקורות די יעניקע וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער פאָרשונג פון ייִדישע פאַמיליע־נעמען; מיר האָבן דאָ פאַקטן וועגן ייִדישע מיגראַציע אין משך פון אַ יאָרהונדערט — פון וואַנען שטאַ־מען זיי אָפּ די באַשעפטיקטע אין דער דרוקעריי און וווהין זענען זיי ווייַ־טער געגאַנגען; אָבער גאָר באַזונדער שטעלן צו די „ליסטעס" ידיעות וועגן דעם פּערסאָנאַל פונעם ייִדישן דרוק־וועזן. מיר האָבן אַ מעגלעכקייט צו רעקאָנסטרויִרן דעם גאַנצן אַרבעטס־פּראָצעס פון די דאָזיקע דרוקע־רייען פון 200 יאָר נאָכאַנאַנד. אויפן סמך פון דער צאָל אַרבעטער, וויפל זענען צווישן זיי זעצערס, וויפל פּרעסנציִערס, וויפל לערנייִנגלעך און קאָ־רעקטאָרן. מיר האָבן אויך די צאָל פּרעסן און מיר קענען אויסרעכענען די

ספר „עיר בנימין״, פראנקפורט ד׳אדר 1698.

פראָדוקציע פון אַזאַ וואַרשטאַט, ווען מיר ווייסן, אַז אין קאַרגע דריי יאָר איז דאָרט דערשינען דער „תלמוד" אין 12 בענד, חוץ אַנדערע ספרים.

געווען איז עס האַנטזאַץ, פאַרשידענע מינים זאַץ — הן אין גרויס הן אין פאָרעם. אויף איין דף האָבן זיך געפונען מער ווי 5 מינים שריפט.

מיר קענען אויך, אויפן סמך פון די מאַטעריאַלן אין אַנדערע דרו־קערייען, פעסטשטעלן ווו אַלץ עס האָבן די דאָזיקע דרוקער געאַרבעט (פריער אָדער שפּעטער).

מיר ווייסן אויך ווער פון זיי האָט (אויף די אינטערנאַציאָנאַלע מעסעס) זיך פאַרנומען מיט פאַרקויפן ספרים.

מיר ווייסן אויך פון די „ליסטעס", אַז טייל פון די דרוקערס האָבן נאָך פאַרנומען חשובע אַמטן אין דער קהילה — די קאָרעקטאָרן פּרענקלס, למשל, זענען געווען דיינים.

ביז דער „ליסטע" פון יאָר 1775, איז נישט געווען אָנגעגעבן די על־טער פון די אַרבעטער. ביי די 12 מאַן פון דער דאָזיקער ליסטע האָבן מיר שוין זייער עלטער און מיר דערוויסן זיך, למשל, אַז:

1. אהרן־ישראל פרענקעל איז אַלט 66 יאָר, אַ קאָרעקטאָר;
2. ברוך מאַרקוס — 49 יאָר אַלט;
3. מאַרקוס מאיר־הירש — 59 יאָר אַלט, עס פאַרטרעט אים זיין זון קלמן מאַרקוס 31);
4. בער גערזאָן — 69 יאָר אַלט;
5. דוד לעווין — 52 יאָר אַלט;
6. לעווין זעליג — אַ קאָרעקטאָר, 37 יאָר אַלט;

---

31) נאָך די דעמאָלטיקע תקנות איז דער פּלאַץ פון דעם „אינסקריבירטן" דרוקער געווען זיינע אַ חזקה און עס האָט נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן אַרבעטס־אומפעיק, געקענט פאַרנומען ווערן פון זיינעם אַ משפחה־מיטגליד און יענער האָט אויף דעם סמך באַקומען וווין־רעכט און די אַנדערע שוץ־ און רעכט־פּריווילעגיעס. אויך די אלמנות פון די „אינסקריבירטע" זענען שוין געבליבן ווינען אין פראַנקפורט ד'אָדער, אויפן סמך פון די דאָזיקע רעכטן. אַזוי געפינען זיך אויף דער „ליסטע" פון יאָר 1790 ווי „עמיריטיס" 6 אלמנות און איין זקן פון 69 יאָר.

ספר „לקח־טוב״, פראַנקפורט ד׳אדר, 1705.

7. יצחק־אהרן זעליג — 54 יאָר אַלט;
8. סאַלאַמאָן איזאַק — 54 יאָר אַלט;
9. וואָלף דוד — 59 יאָר אַלט;
10. הירש סאַלאַמאָן — 53 יאָר אַלט;
11. גאָטשאַלק משה, אַ לערניונג — 55 יאָר אַלט (!);
12. שמואל משה, אַ לערניונג, — 23 יאָר אַלט. (אין אָריגינאַל סאַ־מועל מאָזעס).

2 קאַרעקטאָרן זענען פאַראַן צווישן פערסאָנאַל.

דער עלטסטער פון צווישן פערסאָנאַל איז דער קאָרעקטאָר אהרן־ישראל פרענקעל — 66 יאָר אַלט און דער ייִנגסטער איז שמואל משה (אָדער סאַמועל מאָזעס, עס איז בכלל שווער אין די ליסטעס זיך פאַנאַנ־דערקלייבן וואָס איז די פאַמיליע און וואָס איז דער נאָמען).

באַזונדער אויפפאַלנד איז דער פאַקט וואָס דער 55 יעריקער גאָשטאַלק משה פיגורירט אין דער ליסטע ווי אַ לערניונג! אינטערעסאַנט איז דערביי צוצוגעבן, אַז דער זעלביקער גאָטשאַלק משה, וואָס איז אין יאָר 1775, ביי זיינע 55 יאָר, אַ לערנייִנגל, פיגורירט שוין אין דער „דרוקער־ליסטע" פון 1765 און דאַן אויך אַ לערניונג. עפּעס אַ צו טעמפּן קאָפּ האָט ער, דער דאָזיקער גאָטשאַלק געהאַט. סיידן מען זאָל אָנהייבן טראַכטן, אַז זיין גאַנ־צער שטיין אין דער רשימה איז לשם מראית־עין און ווער ווייס צי ער האָט זיך בכלל מיטן דרוקער־פאַך באַשעפטיקט.

ווי געזאָגט שטעלן צו די דאָזיקע „ליסטעס" אַ שלל מיט מאַטעריאַלן פאַר כל־המינים פאָרשונגען. אויף אַ פּאָר פרטים וועלן מיר זיך דאָ אָפּ־שטעלן.

אין דער לעצטער „ליסטע" פון 1805, האָבן מיר שוין צווישן די 12 דרוקער פון דעם פערסאָנאַל געהאַט אַזעלכע וואָס זענען אַלט 84 יאָר, 72 יאָר, 67 יאָר און 60 יאָר. 4 אַנדערע זענען עלטער פון 50 יאָר. די זעלביקע געשיכטע ווי היינט, עס פעלן ייִנגערע כוחות אין דרוקער־פאַך.

אין דער זעלביקער „ליסטע" פון 1805 האָבן מיר דעם 60 יאָריקן פּאַביאַן פרענקעל. דאָס איז דער זון פון 66 יאָריקן קאָרעקטאָר אהרן־ישראל פרענקעל פון דער „ליסטע" פון 1775. און דער דאָזיקער אהרן־

מסכת נדה

עם פירוש רשי ותוספות ופסקי תוספות ומשניות עם פירוש הרמבם זל

כפי אשר נדפס בבזליאה לא לגרוע ולא להוסיף רק לתקן הטעיות שנפלו בדפוס הנ״א ונדפסו עם יופי אותיות הדיו והנייר לא נפל דבר מכל טוב תיקונן בצורתן ובשיעור דף על דף ממש וגם כמה מעלות טובות אשר נעשה ע״י אנשים [illegible] לתקן כל דף ודף קודם שיבא ליד בעלי אומני הדפוס כדי לסלק ולסקל מכל סיג ופסולת [illegible] בשלש עשרה נפה :

המעלה [illegible]

המעלה השנית ניתוסף עין משפט מקום מדיני התלמוד בפוסקים והם מיימוני וסמ״ג וארבע טורים על איזה מסכתות שחסר בדפוסי ש״ס הראשונים והם ברכות נדרים סוטה נזיר נידה בכורות

המעלה [illegible]

עוד [illegible] סוף מסכת תענית :

נדפס בק״ק ברלין עיר המהוללה והמעטירה · ושם ק״ק פרנקפורט דאדר יע״א

תחת ממשלת אדונינו המלך הגדול האדיר המהולל והמיוחס מאד פרידריך ווילהעלים מלך פרוסיא וקורפירשט מברנדבורג השם ירום הודו ויתנשא מלכותו מעלה מעלה א״ס :

הובא [illegible]

נדפס בשנת ושלשים יום ושלשת ימים תשב בדמי טהרה לפ״ק

MASSECHET NIDAH
Opus in qvo agitur de MENSTRVATIS
Recognitum à MARCO MARINO Brix. Can. Regul. D. Servatoris,
Et ab omnibus iis, quæ contra Religionem Christianam sunt,
Juxta mentem Concilii Tridentini Expurgatum,
Adeò ut non modò citra Impietatem, verum etiam cum fructu legi possit;
Ante hac BASILEÆ editum,
Nunc secundum Editionem Basileensem
denuò emissum,
Cum Privilegio SACR. CÆSAR. MAJ. & Serenissimorum
Regum POLONIÆ & PRUSSIÆ.

BEROLINI & FRANCOFURTI AD ODERAM
Impensis MICHAELIS GOTTSCHALCKII.

מסכת נדה פון תלמוד־אויסגאַבע אין פראַנקפורט ד׳אדר און בערלין אין יאָר 1722.

ישראל, וועלכער פיגורירט אין די „ליסטעס" פון יאָר 1731 אַן און ווייטער האָט עס דאַן איבערגענומען דעם קאָרעקטאָר־אַמט פון זיין פאָטער ישראל־קאָפּעל פרענקעל, וועלכער פיגורירט שוין אין דער ערשטער ליסטע פון יאָר 1724.

דער דאָזיקער ישראל־קאָפּעל פרענקעל האָט דאַן, ביי דער עקזאַמינירקאָמיסיע בייגעלייגט אַן אַטעסטאַט פון יאָר 1708, ווען ער איז „אינסקריבירט" געוואָרן פאַר אַ קאָרעקטאָר.

דאָס מיינט, אַז די דאָזיקע משפחה פרענקעל האָט אין משך פון הונדערט יאָר דורכגעפירט די קאָרעקטור־אַרבעטן אין דער דאָזיקער דרוקעריי. דאָס פאַך איז אַריבער פון דור צו דור — ישראל־קאָפּעל האָט עס איבערגעגעבן אהרן־ישראלן, פון אים האָט עס איבערגענומען זיין זון פייוול, וואָס מיר טרעפן אים שוין ווי פאַביאַן און ווי פיליפּ.

די דאָזיקע פרענקעלס זענען אויך געווען די יעניקע וואָס האָבן געהאַט דעם אַטעסטאַט ווי קאַלענדאַר־אַרויסגעבערס.

זיי זענען פון דער גאָר חשובער יחוסדיקער משפחה: מירעלס־וואָלערשטיין־פרענקעל.

אין אַ ווייטערדיקן טייל פון ד"ר ברילינגס אַרבעט געפינען מיר נאָך פּרטים וועגן אַנדערע אַספּעקטן פון דער קהילה אין פראַנקפורט ד׳אָדער, וועגן איר רב יוסף־יששכר־בער בן אלחנן, וואָס איז דורך דער מאַכט פון שטאָט אַרויסגעשיקט געוואָרן אין יאָר 1683 צוליבן אַרויפלייגן אַ חרם אויף קהילה־מיטגלידער. דער און אַנדערע ענינים וואָס האָבן נאָר אַן אומדירעקטע שייכות צו דער געשיכטע פון דער יידישער דרוקעריי דערגאַנצן נאָך מער די סביבה און די תנאים פון דער צייט ווען די דרוקעריי האָט אַרויסגעוויזן איר בליונג־צייט.

דער לעצטער טייל פון ד"ר ברילינגס אַרבעטן איז אַ רשימה פון „רעגעסטן", 28 אין צאָל, וואָס שטאַמען בעיקר פון דעם „צענטראַלן היסטאָרישן אַרכיוו פון ירושלים" און האָבן אַ שייכות צו די משפחה־פאַרהעלטענישן פון יחידים וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער פראַנקפורטער דרוקעריי. דאָס זענען בעיקר רעליגיעז־ריטואַלע דאָקומענטן ווי „תנאים",

ז ה ל צ י ב

ספר

כתנות אור

היבר הרב המופלג כבוד
מהור"ר מאיר
ואלריז"ה חד חד דיין מלווין דק"ק
הארחוב ור' מאיר הו"ל ר' כהורלי
שוני המנהיר עיני תלמידי הלכה ·
ומימיו לא מש מתוך האוהל של הלכה · ולמד ולימד
אחרים וחפץ ה' הצליח בידו לעשות פירות להעמיד
תלמידי' רבים ונכבדים · וחיבר ספר א' וחילק לשני
חלקים חלק א' על התורה סדר פרשיות וחלק ב' על
סדר הש"ס על כמה מסכתות · ומגודל הוצאות
הדפוס א"א להעלות כולה ואומר דפסתי מועט
דפסתי · ואם איכה עושה כולה עושה מקצת ועל
סדר הפרשיות הוא תוזר קמא קמא · דמטי לזכות את
הרבים · לחדד התלמידים ומעכייתא דכל פרשה
ופרשה בזמנה והלכות כל רגל ורגל בזמנו · דבר
בעתו מה טוב :

תחת ממשלת אדונינו המלך האדיר והמיוחס מאוד
פרידריך השני מלך פרוסיא השם יר"ה ויתנשא
מלכותו למעלה מעלה אמן :

בדפוס של האדון דאקטר ופראפעסר גרילא
בשנת אור חדש על ציון תאיר לפ"ק
נדפס פה ק"ק פ"פ דאדרה

26126

באותיות
אמשטרדם

ספר „כתנות אור", פראנקפורט ד'אדר, 1754.

„תוספות־כתובה", „שטר חצי חלק שכר", „שטר בטחון של חליצה" און אַנדערע.

פון די באַמערקונגען וואָס עס זענען פאַראַן צו געוויסע פּאַראַגראַפן פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל איז צו זען, אַז די דרוקעריי אין פראַנקפורט ד'אָדער פאַרמאָגט אַ גאַר רייכע ליטעראַטור אָבער עס איז דער חוב צוצו־געבן, אַז די מאַטעריאַלן פון ד"ר ברילינגס אַרבעט אין די „שטודיען" האָבן דערגאַנצט זייער אַ סך, אויפגעקלערט געוויסע נישט־קלאָרע פּרטים אין דער געשיכטע פון דער דאָזיקער דרוקעריי און אחרון אחרון אַרייַנ־געבראַכט אונדז אין דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער סביבה, הן יידישער הן אויסערלעכער פון יענער תקופה.

***

פאַר דער חשיבות פון דער יידישער דרוקעריי אין פראַנקפורט ד'אדער איז כאַראַקטעריסטיש דער וויטערדיקער פאַל:

דער גאַר פּאָפּולערער ספר „עץ חיים" וואָס איז אַ יידישע איבערזעצונג פון ר' יחיאל־מיכל עפּשטיינס „קיצור שני לוחות הברית" איז דערשינען אין עטלעכע צענדליק אויפלאַגעס. צווישן די 39 אויסגאַבעס פון „עץ־חיים" וואָס עס ברענגט דער ביבליאָטעקאַר פון דער ביבליאָטעק ביים ליובאַוויטשער רבין אין ניו־יאָרק, ח. ליבערמאַן („ייווא־בלעטער", באַנד 36), געפינען זיך צוויי וואָס זענען פאַקטיש געווען געדרוקט אין פיורדאַ, אָבער פאַר רעקלאַמע וועגן אָנגעגעבן:

„נדפס באותיות יפות כמו פראַנקפורט ד'אדר"

דער ערשטער פון דאָזיקן פאַלסיפיקאַט איז געדרוקט געוואָרן אין יאָר תקמ"ה — 1785 און דער צווייטער אין יאָר תק"ס — 1800 (און נישט ווי עס איז על־פי־טעות אָנגעגעבן אין די ייווא־בלעטער 1880).

פיורדאַ גופא האָט געשמט מיט אירע דרוקערייען. ווייזט אויס, אַז אָנגעבן פראַנקפורט ד'אדר איז נאָך מער חשובער געווען.

אגב איז איין אויסגאַבע פון „עץ חיים" יאָ געדרוקט געוואָרן אין פראַנקפורט ד'אדר אין יאָר תקנ"ה — 1795, ווען די דרוקעריי האָט זיך געפונען אונטער דער באַלעבאַטישקייט פון פּראָפעסאָר גאָרילאַ.

ספר

תורת גיטין

והוא חדושים וביאורים על הלכות גיטין · וחדושי הלכות
על מסכת גיטין

אשר חבר כבוד הרב הגדול הגאון המפורסם · המופלג בחריפותו ובקיאותו בש"ס ופוסקים ה"ה מו"הרר יעקב בהרב הגאון מו"הרר משה אב"ד וד"מ דק"ק ליסא · וכבר נודע בשערים שם תפארתו ביתר חבוריו אשר חבר כיראתו וענותו · והם ספר חוות דעת על יורה דעה · וספר מקור חיים על הלכות פסח והגהות בט"ז ומ"א · וספר נתיבות המשפט על חושן משפט · וספר מעשה נסים על הגדת פסח · ומשפט זה הספר ומעשהו התחקות על שרשי הענינים בפלפול חריפתא וסברות ישרות לאמתתה של תורה · ולהוציא דין לאמתו במעשהו בחבורים הנזכרים · וכל דורש מעל ספר אשר טעם נופת צופים [illegible] ונכסף אחרי חבוריו הלז כי יגיד עליו רעו :

זאת לדעת שבכל מקום שכתוב בחידושים ציור כזה * מורה על דין מחודש שלא כוונת בראשונים ואחרונים · רק המחבר במוחו בפלפול וסברא :

נדפס פה ק"ק פראנקפורט דאדר
שנת תקע"ג לפ"ק
בהוצאות הרב המחבר על ידי המדפיס מו"הרר הירש באשווי"ץ
בבית הדפוס של האדון פראפעסאר עלסנער.
Gedruckt zu Frankfurt an der Oder.

ספר „תורת גיטין", פראַנקפורט ד'אדר, תקע"ג — 1813,
אייגנטימער פראָפעסאָר עלסנער; אַרויסגעבער הירש באַשוויץ.

קאַפּיטל פיר

הונדערט פערציק יאָר ווילנער ראָם־דרוקעריי

דפוס ראם בווילנא,
מאת
שמואל שרגא ב"ר שלום פייגענזאָהן (שפ"ן הסופר) אין: קונטרס א' (אייר תשי"ד); קונטרס ב—ג (תשרי—אדר תשט"ו); קונטרס ד—ז (ניסן—תמוז תשט"ז) פון דעם ביב־ליאָגראַפישן זשורנאַל „הספר", ירושלים, מדינת ישראל.

אָנגעהויבן האָבן מיר אונדזער געשיכטלעכן שפּאַציר אין דער לאַבאָראַ־טאָריע פון אונדזער ספרים־פּראָדוקציע מיט העכער 400 יאָר צוריק; מיר האָבן זיך באַקענט מיט דער דרוקער־משפּחה פון חיים שוואַרץ, איינער פון אונדזערע פּיאָנערן אין דרוק־וועזן.

מיר האָבן זיך אין אונדזער עקסקורסיע אָפּגעשטעלט אין פראַנקפורט ד'אָדער שוין אין אַ ייִנגערער צייט, מיט 250 יאָר צוריק, און איצט זענען מיר געקומען צוריק „אַהיים". צו דער געשיכטע פון דער דרוקעריי וואָס איז אַזוי באַקאַנט געוואָרן אומעטום — די ווילנער דרוקעריי פון „האלמנה והאחים ראָם".

עס איז געווען אַ וויטער שפּאַציר אין צייט און אַ לאַנגער אויך אין שטח. און מיר זענען טאַקע מיטגעגאַנגען אין די דאָזיקע העכער 400 יאָר פון וויטן אשכנז און ביהם; דורך בייערן און שוואַבנלאַנד; דורך העסן,

זאַקסן און שלעזיע און אָנגעקומען קיין ירושלים דליטאָ. פון די טייכן אָדער און דאַנאַו זענען מיר צוגעשוווּמען צו די ברעגעס פון דעם ניעמאַן און די ווילִיע — די ערטער ווו עס האָבן מיט 170 יאָר צוריק אויפגעשטעלט די געצעלטן די יעניקע פון וואַנען עס זענען אַרויסגעקומען די „האלמנה והאחים ראָם״.

מיר זענען געקומען „אַהיים״...

***

מיר ווילן, ווי אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, ראשית פאַרשטעלן די צייטשריפט, ווו די געגעבענע מאָנאָגראַפיע איז פאַרעפנטלעכט און אויך דערציילן וועגן מחבר.

דער „הספר״ איז פון די יינגסטע און נייסטע צווייגן פון אונדזער ביבליאָגראַפישער ליטעראַטור — יונג אין צייט און ניי אין כאַראַקטער. אַלע אונדזערע ביבליאָגראַפישע אויסגאַבעס, וואָס מיר האָבן געהאַט און די וואָס זענען נאָך עד־היום פאַראַן, זענען אַלגעמיינע — טיילן נישט אויס קיין ספּעציעלן כבוד דער אָדער יענער צווייג פון אונדזער בוך־ און פּער־ריאָדיק־פּראָדוקציע. זיי זענען, ווי אומעטום אין די פאַלן, פון אַ כל־בו (אין גוטן זין) כאַראַקטער. דער „הספר״ האָט זיך אָבער געשטעלט פאַר אַ ציל אָפּצוגעבן זיך נאָר מיט דער רעליגיעזער בוך־און פּעריאָדיק־פּראָ־דוקציע.

„הספר״ ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער צענטראַלע תורה־ביבליאָטעק (אפשר וועט עס ריכטיקער דאַרפן אָנגערופן ווערן רבניש־רעליגיעזער ביבליאָטעק) אין ישראל, וואָס געפינט זיך אין ירושלים און איז געגרינ־דעט געוואָרן דורך דעם הויפּט־ראַבינאַט (הרבנות הראשית). רעדאַקטאָר פון „הספר״ איז צבי הרכבי.

ווי אַלע אונדזערע ביבליאָגראַפישע צייטשריפטן (און נישט דווקא ביי אונדז) פאַרנעמט דעם גרעסטן טייל פון דער אויסגאַבע נישט די רע־גיסטראַציע פון די אַקטועלע ביבליאָגראַפישע דערשיינונגען נאָר די פאָר־שונג פון דער געשיכטע פון יידישן רעליגיעזן ספר, פון כתב־ידן, געשיכטע וועגן פאַרשידענע דרוקערייען, ביבליאָטעקן, יחידים (אַרויסגעבערס, מוכרי

ספרים, זאַמלערס) הכלל — אַלץ וואָס גייט אַריין אין דעם גדר פון ביב־ליאָפּיליע.

ביז איצט זענען דערשינען דריי נומערן פון „הספר״:

דער ערשטער נומער (שנה א׳ / קונטרוס א׳) ירושלים, אייר תשי״ד;

דער צווייטער נומער (שנה ב׳ / כרך א׳ / קונטרס ב׳—ג׳) ירושלים, תשרי—אָדר תשט״ו;

דער דריטער נומער (שנה ג, / קונטרוס ד׳—ז׳) ירושלים, ניסן—תמוז תשט״ז.

אין ערשטן העפט הייבט זיך אָן די אַרבעט וועגן דער ווילנער ראָם־דרוקעריי, וואָס האָט אַ גענוג לאַנגן טיטל:

דפוס ראם בווילנא

מאת

שמואל שרגא ב״ר שלום פייגענזאהן (שפ״ן הסופר) (ז״ל)

המביא לבית הדפוס ד״ר חיים בר־דיין

איידער מיר קומען צו דער עצם מאָנאָגראַפיע דאַרף מען זיך אָפּ־שטעלן סיי אויפן מחבר, סיי אויפן גורל פון זיין חיבור.

ש. ש. פייגענזאָהן איז געווען איינער פון די „שרייפּעלעך״ פון דער ראָם־דרוקעריי אין ווילנע. געבוירן אין יאָר 1836 (ערב־ראש־חודש אָדר תקצ״ו) אין ליטע איז ער געשטאָרבן אין ווילנע אין יאָר 1929, אין עלטער פון 92 יאָר. פון די דאָזיקע 92 יאָר האָט ער זעכציק יאָר געאַרבעט ווי דער געשעפט־פירער פון דער ראָם־דרוקעריי. אָנגעהויבן האָט ער זיין טעטי־קייט אין יידישן פאַרלאַג־וועזן אין עלטער פון 24 יאָר, ווען ער האָט אין דער פאַרטשטאַט שטעטין (דייטשלאַנד, געהערט היינט צו פּוילן) אין די יאָרן תרכ״ב—תרכ״ד (1862—1864) אַרויסגעגעבן דעם משניות און ש״ס. אין יאָר תרכ״ז (1867) איז ער פאַרבעטן געוואָרן קיין ווילנע צו פירן די אַדמי־ניסטראַטיוו־רעדאַקציאָנעלע ענינים פון דעם פאַרלאַג און אַזוי געבליבן אויפן דאָזיקן פּאָסטן (מיט אַ קורצער הפסקה), ביזן טויט.

ד״ר חיים בר־דיין, דער וואָס האָט די אַרבעט פון ש. ש. פייגענזאָהן איבערגעגעבן אין דער רעדאַקציע פון „הספר״, דערציילט, אַז ער האָט

דעם כתב־יד באַקומען פון דעם מחבר, מיט וועמען ער פלעגט זיך טרעפן, ערב זיין טויט מיטן תנאי, אַז ער זאָל דאָס פאַרעפנטלעכן 25 יאָר נאָך זיין פטירה. דער מחבר איז געשטאָרבן אין יאָר 1929, אַזוי אַז שוין אין 1954 האָט ער געהאַט דאָס רעכט, אין הסכם מיט דעם ווילן פון מחבר, אַרויסצוברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט די געשיכטע פון דעם גרעסטן און דעם לענגסטן אין יאָרן דרוק, וואָס האָט נאָך עקסיסטירט אין אונדזערע צייטן.

בר־דיין איז דער געביטענער נאָמען פון ד״ר חיים באראדיאנסקי, געבוירן אין 1899 אין קיִעוו און שטודירט אין קיִעוו און בערלין. אין די יאָרן 1926—1937 געלעבט אין בערלין. ער איז דער מחבר פון אַ ריי שטודיעס אין ייִדיש, דייטש און העברעיִש אויף ייִדישע קולטור־היסטאָרישע טעמעס. צווישן אַנדערע זענען זיינע אַרבעטן אויך פאַרעפנטלעכט אין די היסטאָרישע זאַמלביכער פון ייִוואָ (באַנד 1 און 2).

וועגן די ייִדישע דרוקערייען אין ליטע בכלל און די ווילנער ראָם־דרוקעריי בפרט זענען פאַראַן גאָר קנאַפּע, הגם וואַגיקע, פראַגמענטן, אָבער נאָר פראַגמענטן. שוין אַ לאַנגע צייט ווי מען האָט געפאָדערט, אַז עס זאָל אָנגעשריבן ווערן די געשיכטע פון דער דאָזיקער דרוקעריי. צווישן אַנדערע איז עס געווען דער העברעיִשער דיכטער יל״ג, וועלכער האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אַרויסגעבן אַ „ספר תולדות בית דפוס ראָם״ 32). עס האָט עס געפּרוווט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה צו טאָן בן־ציון כ״ץ, אָבער ער האָט זיין פּראָיעקט נישט רעאַליזירט.

די געשיכטע פון די ייִדישע דרוקערייען אין ליטע האָט אַ היפּש ביסל קאַפּיטלען, וואָס זענען דאָ און דאָרט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. דאָס זענען אָבער געלעגנהייט־אַרטיקלען אָדער עסייען וועגן ייִדישן דרוק־וועזן אין ליטא, ווו עס ווערט אויך אגב אורחא דערמאָנט די ראָם־דרוקעריי.

דאָס האָבן געטאָן די כראָניקערס פון ווילנע שמואל־יוסף פין 33) און

32) אין „המליץ״, נומער 168 פון תרמ״ז (1887).

33) שמואל־יוסף פין „קריה נאמנה״, ווילנע, 1860.

אַרויס אַ צווייטע אויפלאַגע, ווילנע 1915.

הלל־נח מגיד־שטיינשניידער 34), מיר געפינען עס ביי פנחס קאָן 35), ביי זלמן רייזען 36) ביי ד״ר שאַצקין 37), ביי יצוק אייזיק בן־יעקב 38) און אַנדערע קלענערע נאָטיצן און באַריכטן.

עס זענען אין לעצטן יאָרצענדליק פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ ריי ביבליאָגראַפישע רשימות וואָס האָבן צו טאָן מיט ווילנער דרוק־אויסגאַבעס, וואָס גיבן אויך אַ צושטייער צו דער געשיכטע פון יידישן דרוק־וועזן אין ווילנע בכלל און פון דרוקעריי ראָם בפרט. צו זיי דאַרף מען ראשית־כל צורעכענען די גאָר אינטערעסאַנטע אַרבעט פון יצחק ריבקינד „א. מ.

34) הלל־נח מגיד (שטיינשניידער) אין „עיר ווילנא״, ערשטער טייל, ווילנע 1900. אויף די זייטן 21—27 וועגן דער מחלוקות ראָם־סלאַוויטע וועגן תלמוד־דרוק און אויף די זייטן 200—206 וועגן דער משפחה ראָם.

35) פנחס קאָן: „די התחלה פון יידישן דרוקער־וועזן און די ערשטע יידישע זעצער אין גראָדנע און ווילנע״, ווילנע 1936;
פנחס קאָן: „מילדות כמחברות ספרים לפני מאה שנה בווילנא״ אין „קרית ספר״, באַנד 14, זייטן 118—121.
זלמן רייזען אין זיין „לעקסיקאָן״ (זע וויטערדיקע הערה) דערציילט, אַז: „ערשט גאָר לעצטנס האָט פנחס קאָן צונויפגעזאַמלט וועגן דעם מאַטעריאַלן אין זיין נאָך נישט פאַרעפנטלעכטער מאָנאָגראַפיע: „יידישע דרוקערייען אין ווילנע ביז 1837״.
פנחס קאָן — „רשימת הספרים שנדפסו בדפוס ראָם בווילנה בשנת 1849, 1856, 1859״; „קרית ספר״, תרצ״ה — 1935.

36) זלמן רייזען אין „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פרעסע און פילאָלאָגיע״, באַנד 4, ווילנע 1929, עמודים 206—211 ביי דער פּאָזיציע „ראָם ברוך בן יוסף״.

37) ד״ר יעקב שאַצקי אין „קולטור־געשיכטע פון דער השכלה אין ליטע״, בוענאָס־איירעס 1950, קאַפּיטל 4: „ערשטע יידישע דרוקערייען אין ליטע״, זייטן 43—46 און דעם נאָמען ראָם אין נעמען־רעגיסטער.

38) יצחק־אייזיק בן יעקב איז דער מחבר פון דעם באַרימטן „אוצר הספרים״, דעם ביבליאָגראַפישן לעקסיקאָן פון יידישע ספרים און כתבי־ידן. דערשינען אין ווילנא אין יאָר תק״ם (1880) און עטלעכע מאָל פאָטאָסטאַטיש איבערגעדרוקט. ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער צייטשריפט „העברעישע ביבליאָגראַפיע״. בענד 4 און 5 (אין די יאָרן 1861—1862) אַ רשימה פון:
Hebraische Drucke zu Wilna seit 1847.
וווּ עס געפינען זיך 460 פאָזיציעס דערשינענע ביזן יאָר 1857.

דיקס ביבליאָגראַפישע רשימות״ — פון שאול גינזבורגס אַרכיוו 39) און אברהם יעריס ביבליאָגראַפיע וועגן א. מ. דיקס אויסגאַבעס וואָס געפינען זיך אין דער ירושלימער אוניווערסיטעט 40). עס איז כדאי דאָ צוצוגעבן, אַז אין דער רשימה (צווייטע) פון א. מ. דיקס חיבורים, וואָס עס ברענגט י. ריבקינד און האָט 125 אייגסן, פון וועלכע 123 זענען געדרוקט געוואָרן אין ווילנע האָבן זיך 79 געדרוקט אין דער דרוקעריי פון ראָם און די איבעריקע אין אַנדערע ווילנער דרוקערייען (דוואָזשעץ, מ״ץ, פין־ראָזנקראַנץ, זימעלאָוויטש)״.

אויך אונדזער מחבר, ש. ש. פייגענזאָהן האָט שוין בעת זיין לעבן געמאַכט אַ פּרווו צו דערציילן וועגן דער דרוקעריי, אמת ספּעציעל וועגן דער תלמוד־אויסגאַבע 41). אויך איז געוועזן שוין מיט יאָרן צוריק באַקאַנט, אַז ער האָט צוגעגרייט אַ ספר וועגן דער געשיכטע פון דער ראָם־דרוקעריי 42).

---

39) א. מ. דיקס ביבליאָגראַפישע רשימות פון שאול גינזבורגס אַרכיוו, איבערגעגעבן צום דרוק מיט אַן אַריינפיר און באַמערקונגען פון יצחק ריבקינד. אין ייוואָ־בלעטער, ניו־יאָרק, 1952, זייטן 191—240. אין דער דאָזיקער גאַר אינטערעסאַנטער שטודיע איז געגומען געוואָרן אין אַכט אַ סעריע דיק־קאָלעקציעס וואָס געפינען זיך אין אַ ריי ביבליאָטעקן ווי ייוואָ, ביבליאָטעק פון לובאַוויטשער רבין, ש. ניגערס פּריוואַטע דיק־קאָלעקציע; נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק אין ירושלים, ביבליאָטעק פון טעאָלאָגישן סעמינאַר און י. ריבקינדס פּריוואַטע דיק־קאָלעקציע. אין דער דאָזיקער אַרבעט ווערט דערמאָנט אַ ריי אַנדערע אַרבעטן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער דיק־ביבליאָגראַפיע ווי אויך הערות און הוספות צו י. ריבקינדס אַרבעט פון ש. ניגער.

40) אין דעם לעצטן באַנד ל״ב פון „קרית ספר״ ירושלים, אין צווייטן המשכים.

41) שפ״ן (ש. פּ. פייגענזאָהן) „אחרית דבר״ צו מסכת נדה פון תלמוד בבלי פון יאָר 1897 פון דער ראָם־דרוקעריי.

42) אין דעם פריער שוין־דערמאָנטן מקור פון זלמן רייזען (באַמערקונג 36), לייענען מיר:

> „זינט די 60־קער יאָרן איז אין משך פון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט בראש פון פאַרלאַג געשטאַנען שרגא־פייוויש פייגענסאָן, וועלכער האָט לעצטנס אויך אָנגעשריבן די געשיכטע פון דער ראָם־דרוקעריי (אין כתב־יד)״.

מסכת

שבת

מן

תלמוד בבלי

עם פירש״י ותוספות ופסקי תוספות ורבינו אשר ופסקי הרא״ש ופירוש המשניות להרמב״ם ז״ל

וחלופי גרסאות ותוספות ישנים איש איש על מקומו · והגהות הגאון האמיתי מו״ה ישעיה ברלין זצ״ל ·

ובסוף כל מסכת הרב אלפסי עם כל נשאי כליו · וספר חכמת שלמה להגאון מהרש״ל זצ״ל ·

וספר מהרש״א עם חדושי אגדות ביחד · וספר מהר״ם לובלין על כמה מסכתות הנמצאים בחבורו

ופירוש מעדני יום טוב ודברי חמודות · ופלפלא חריפתא על הרא״ש מהגאון האמיתי בעל תוספות יום טוב זצ״ל · הכל כאשר נדפס מקדם · באין מחסור כל דבר ·

ועתה נדפס מחדש · בתוספת מרובה ובנדרש · במעלות רבות לבוא אל הקדש · מעלות יקרות · כפז נבחרות · אלה הם

(א) הגהות על הש״ס ופירש״י ותוספות והרא״ש ממורינו ורבינו הגאון האמיתי בעל הב״ח זצ״ל ·

(ב) ספר תפארת שמואל על הרא״ש מהגאון האמיתי מוהר״ש״ק זצ״ל

(ג) ספר קרבן נתנאל על הרא״ש מהגאון המפורסם מו״ה נתנאל וויל זצ״ל

(ד) הגהות מאדמו״ר הגאון החסיד האמיתי המפורסם בכל קצוי ארץ רבן של כל בני הגולה מ׳ · אליהו מווילנא זצ״ל ·

(ה) הגהות וחדושים נפלאים מהרב הגאון האמיתי החסיד רבן של כל בני הגולה מו׳ עקיבא איגר נ״י אב״ד ור״מ מפוזנא המכונים בשם גליון הש״ס · והצבנו ציונים בכל מקום סימן כזה (°) ·

(ו) חדושים והגהות מהגאון האמיתי החסיד נ״י מופת הדור מו״ה שאול מווילנא זצ״ל ·

(ז) הרב אלפסי ביאור ארוך ונפלא על המרדכי מהגאון האמיתי החסיד מאור הגולה

(ח) מו׳ מרדכי בנעט זצ״ל אב״ד ור״מ מניקלשפורג והמדינה ·

ויתר החדושים והתוספות כעת · יבוארו מעבר לשער

בדפוס השותפים דקק

ווילנא והוראדנא

שנת ה׳ נודה שמך כי בא מועד לפ״ק

תלמוד־בבלי־אויסגאַבע פון די שותפים ראָם, ווילנע־גראָדנע.
מסכת שבת פון יאָר תקצ״ו.

צו די אַלע פראַגמענטן קומט איצט צו פייגענזאָהנס אַרבעט, וואָס איז סיי אַ שטודיע, סיי זכרונות און איז אַ גאָר וואָגיקער צושטייער — שוין נישט נאָר צו דער געשיכטע פון דער ראָם־דרוקערײַ, וואָס שטעקט מיט איר בראשית אין דעם קליינעם שטעטעלע אָזיאָר 43) און דורך גראָדנע געקומען אין ירושלים דליטא. מיר האָבן דאָ נישט נאָר די געשיכטע פון 140 יאָר דרוקערײַ ביי ייִדן, נאָר 140 יאָר קולטור־געשיכטע אין מזרח־אייראָפּע.

עס איז די צייט פון „נייע ווינטן" אין דער ייִדישער וועלט — די השכלה פייערט אירע נצחונות און ווילנער משכילים זענען פון די אַקטיווע אין דער דאָזיקער באַוועגונג. די ווילנער דרוקערייען זענען אַריינגעפּלאָכטן אין דאָזיקן געראַנגל.

עס איז די צייט פון שאַרפער חסידיש־מתנגדישער מחלוקת — מחלוקת צווישן ווילנע, ראשית־כל מיט דער חסידישער וועלט און טאָקע מיט די חסידישע דרוקערייען. מיר האָבן טאָקע ביי פייגענזאָנען אַ ריי נייע פּרטים וועגן דער מחלוקות ווילנע־סלאַוויטע און די מוראדיקע געשעענישן מיט די משפטים אויף די סלאַוויטער ברידער.

עס איז אויך די צייט ווען די ייִדישע נייע ליטעראַטור, דאָן „זשאַרגאָן" שטעלט אירע ערשטע טריט.

עס איז אויך די צייט פון אויפקום פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג (ווילנע איז דער צענטער ווו עס גרינדעט זיך דער „בונד").

נישט איבערגעטריבן — אין דער געשיכטע פון דער ראָם־דרוקערײַ האָבן מיר נישט נאָר די דרוקערײַ־געשיכטע נאָר די געשיכטע פון דער גאַנצער סביבה — דעם ייִדישן קיבוץ און די באַציונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט.

יעדער פּרט אַ נייער היסטאָרישער מיילשטיין; יעדע קלייניקייט אַ נייער שיין צו די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן.

---

43) אָזיאָרי; אויף פּויליש Jeziory יעזיאָרי, אַ שטעטל ביי גראָדנע. אַזוי ווערט אָנגעגעבן אויפן שער פון דעם „סידור תפלת נהורא השלם", וואָס איז דאָרטן געדרוקט געוואָרן אין יאָר תקפ"ו — 1726.

צענזאָרן און מיסיאָנערן — אַן אינטערעסאַנט טראַגיש־וויטאַקדיקער קאַפּיטל אין אונדזער געשיכטע; באַציִונגען צווישן פאַרלאַגן — אַ קאָנקור־רענץ, ווו מען טוט אַריין די טומאה אין דער „קדושה״.

טיראַזש פון די ספרים; פרייזן און קאַלקולאַציעס; אַפּזאַץ־מאַרק און נאָכפראַגע; באַציִונגען מיט מחברים און טאַקע די באַציִונגען פון די שותפים אין דער דרוקעריי — געוועזן איז עס דאָך די אלמנה דבורה מיט צוויי שוואָגערס; נאָכדעם אירע 5 זין און גאָר שפּעטער איז די דרוקעריי אָפּגע־קויפט געוואָרן, שוין האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, פון דעם באַראָן דוד גינצבורג.

דערביי איז דער מחבר נישט נאָר אַ פּען־מענטש, נישט נאָר אַ כראָ־ביקער. ער איז אין דעם פאַל אַן עד־ראיה — 60 יאָר נאָכאַנאַנד איז ער געשטאַנען ביים וואַרשטאַט פון דער דרוקעריי און דערפאַר זענען זיינע כראָניק בלעטלעך נישט נאָר אַ ליטעראַרישע מאָנאָגראַפיע, דאָס זענען דאָקומענטן, זיכרונות וואָס באַקרעפטיקן די פאַקטישע געשעענישן.

פאַרוואָס ער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל זיין געשיכטע וועגן דער ראָם־דרוקעריי פאַרעפנטלעכן ערשט 25 יאָר נאָך זיין פטירה איז נישט קלאָר. צי דערפאַר וואָס מען זאָל אויף די געשעענישן קוקן פון אַ ווייטע־רערער צייט־פּערספּעקטיוו; צי דערפאַר, אַז עס זאָלן שוין זיין אויפן עולם־האמת אַ ריי יחידים וועמען ער דערמאָנט.

ווי עס זאָל נישט זיין איז עס היינט שוין אַ גאָר, גאָר ווייטע היס־טאָרישע פּערספּעקטיוו. מיר שטייען אין אַ צייט וואָס דער „נעכטן״, וואָס איז אינגאַנצן אַלט אַ פּאָר צענדליק יאָר, איז אַזוי מוראדיק פאַרשניטן געוואָרן און זיך פאַרוואַנדלט אין „געשיכטע״.

אָט נעכטן זענען די אַלע „היסטאָרישע״ געשטאַלטן געוועזן אייגענע, מיט זיי גערעדט, מיט זיי דיסקוטירט און מיט זיי געמאַכט פּלענער...

פון דעם שטאַנדפּונקט זענען שוין לאַנג פאַרביי ש. ש. פייגענזאָהנס באַוואָרענישן פון „25 יאָר״ — — —

ווי עס זאָל נישט זיין, אַ פאַרחתמעט קאַפּיטל פון גאָר נאָענטן עבר (נישט דווקא פון דרוק־וועזן) איז אויפגעעפנט געוואָרן און איבערגעגעבן געוואָרן דער יידישער עפנטלעכקייט.

סדר

סליחות

כמנהג

ליטא רייסן וזאמיט יצ"ו

דיזי (סליחות) האבן מיר מיט טייטש גידרוקט · (בכדי) [illegible] ווייבר פארשטין אונ אויך דער טייטש פר שטיין · (בזכות זה) וועלן מיר זוכה זיין אין (ירושלים) צו גיין :

נדפס

בווילנא

ע"י ר' מנחם מאנש בר' ברוך ז"ל, ור' שמחה זימל בר' מנחם נחום ז"ל,

בשנת **תר"א** לפ"ק

СЕЛИХОТЪ КЕМИНГАГЪ ЛИТАУ,

т. е.

Молитвы на отпущеніе грѣховъ, по обряду Литовскихъ Евреевъ.

ВИЛЬНО.

въ Типографіи М. Ромма и З. Типографа.

1841.

ווילנער סליחות פון יאָר תר"א — 1841, מיט עברי־טייטש איבערזעצונג.

קאַפּיטל פינף

סוף־דבר

פון די ערשטע צוויי דרוקעריי־מאָנאָגראַפיעס האָב איך געבראַכט קיצורים פון זייער אינהאַלט בשייכות מיט דער אייגנטלעכער געשיכטע — געטאָן האָב איך עס בכוונה, ווייל איך בין כמעט ווי זיכער, אַז וועגן דער דרוקער־משפחה פון חיים שוואַרץ און פון דער דרוקעריי אין פראַנקפורט ד׳אָדער וועלן מן־הסתם נישט אַרויסגיין קיין באַזונדערע אַרבעטן, אַז די דאָזיקע אַרבעטן וועלן בלייבן „פאַרזיכערט״ אין די טאָוולען פון די ביב־ליאָגראַפישע זשורנאַלן. איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיק צו ברענגען די פּרטים פון דער געשיכטע פון די דאָזיקע קוזשניעס פון אונדזער גייסטיקן המשך און מוסיף זיין אַלע מעגלעכע און נויטיקע הערות. פון דער ראָם־דרוקעריי דאַקעגן האָב איך נאָר געבראַכט אַ כמו אַריינפיר און עס דער־גאַנצט מיט אַ גאַר היבשע צאָל באַמערקונגען, וואָס זענען אין דער אַרבעט בישטאָ, ווייל איך מיין, אַז עס דאַרף זיך געפינען ווער, וואָס זאָל די דאָזיקע אַרבעט אַרויסגעבן באַזונדער, ווי אַ ספּעציעלע אויסגאַבע. ליטווישע ייִדן, ייִדן פון ירושלים ד׳ליטא, וואָס געדענקען זייער נעכטן, זייער אייגענעם נעכטן, וועלכן זיי ווילן פאַראייביקן, וואָלטן געטאָן אַ גוטע זאַך ווען זיי גיבן אַרויס די אַרבעט פון ש. ש. פייגענזאָהן וועגן דער ראָם־דרוקעריי.

כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט האָבן מיר דורכגעשפּרייזט, מיטגעגאַנגען דעם זעלביקן וועג ווי אונדזער פאָלק אין דאָזיקן 500 יאָריקן וואַנדער. געוואָגלט פון לאַנד צו לאַנד, פון תפוצה צו תפוצה — פון מזרח צו מערב און צוריק. געוואָגלט און געטראָגן אונדזערע פאַרמעטן אויף די פּלייצעס.

מיר זענען מיטגעגאַנגען מיט די דאָזיקע פליִענדיקע אותיות, געטראָ־

גענע פון נע־ונדניקעס, געטריבענע דורך גזירות, נגישות און שחיטות. ביז מיר זענען געקומען „אַהיים”, צוריק צו אונדזער מקור — צו ירושלים ד׳ליטא... געקומען במחשבה... און געזען... אַז מיר דאַרפן ווייטער וואַגלען און ווייטער מיטטראָגן אונדזערע „גווילין נשרפים ואותיות פורחות”.

זיכער איז עס נישט קיין לייכטע משא, אָבער מען מוז עס מיטטראָגן.

אַן אַלט ווערטל זאָגט — בכל מקום, אומעטום וווּהין ייִדן ווערן פאַר־וואָגלט, גייט מיט זיי מיט די שכינה. אומעטום, ווו דער ווירבל פון צייט, מלחמות און צוואַנג פון „אויסזידלונגען” אָדער „עשאַלאָנען” האָבן אונדז אין לעצטן דור פאַרוואָרפן האָבן מיר נישט פאַרגעסן אונדזערע שוועבנ־דיקע אותיות.

זאָל עס זיין אין דער פאָרעם פון אַ געשריבענעם לוח אין סאָוויעטישן טורקעסטאַן; פון אַ ליטאָגראַפירטער צייטונג אין שאַנכייער געטאָ; אַ גע־שריבענער סידור אין אַוישוויץ, אָדער אַן אומלעגאַלער אויפרוף אין אַ געטאָ.

עס וואָלט זיך דאָ אפשר געפּאַסט צו ענדערן דעם אַלטן תלמודישן ווערטל:

גווילין נשרפים ואותיות פורחות — די פּאַרמעטן ווערן פאַרברענט און די אותיות שוועבן אויף: גופים נשרפים.

— די קערפּערס זענען פאַרברענט, פאַרשרפעט, פאַרגאַזט געוואָרן, אָבער די אותיות האָבן אונדז באַגלייט!

אין מלחמות ממש איז דאָס טייערסטע וואָס עס ווערט אָפּגעהיט — די פאָן; פאַרלירן די פאָן, אַרויסלאָזן איר פון האַנט, אָדער חס־ושלום, אײַ־בערגעבן עס אין די הענט פון שונא — איז די גרעסטע מפלה.

אין אונדזער טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר אויפהאַלטן דעם זין פון אונ־דזער לעבן און שאַפן, דעם זין פון אונדזער קיום און קאַמף פאַר אונדזערע יושר־און צדק־אידעאַלן איז דער ספר, איז דער געדרוקטער וואָרט, איז די אידעע פון די אין דער לופטן שוועבנדיקע אותיות ממש אַ פאָן, וואָס טאָר נישט אַרויסגעלאָזט ווערן פון האַנט.

עס איז דעריבער גאָר נישט קיין פראַזע דער נאָמען פון אונדזער ערשטן העפט:

דער ספר — אונדזער פאָן

פון זעלביקן מחבר:

1) צוויי רעצעפּטן־ביכער אין אַלט־ייִדיש פון די יאָרן 1474 און 1509.
סעפּאַראַט־אָפּדרוק פון „דווקא“, נומער 17, בוענאָס־איירעס, 1953.

2) תקנות ביי ייִדן קעגן לוקסוס און אויסבערעגנגעריי.
סעפּאַראַט־אָפּדרוק פון „יאָרבוך תשט״ו“ פון דער ייִדישער קהילה אין בוענאָס־איירעס, 1955.

3) אין לאַבירינטן פון תקופות
(ערשטער בוך פון דער סעריע „אויף די שפּורן פון 1000 יאָר אשכנז“)
פאַרלאַג „ייִדבוך“, בוענאָס־איירעס, 1955.

4) דער ייִדיש־גלאָסאַר פון „חיי־אדם“
(אַ צושטייער צום גרויסן ייִדישן ווערטערבוך). סעפּאַראַט־אָפּדרוק פון באַנד 6 „אַרגענטינער ייִוואָ־שריפטן“, בוענאָס־איירעס, 1955.

5) נישט־דערברעגטע שייטן
(צווייטער בוך פון דער סעריע „אויף די שפּורן פון 1000 יאָר אשכנז“);
פאַרלאַג פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייִוואָ, ב. איירעס, 1956.

גרייט צום דרוק:

א) און דאָס איז געווען נוסח אשכנז...
(דריטער און לעצטער בוך פון דער סעריע „אויף די שפּורן פון 100 יאָר אשכנז“).

ב) אין פייער און אין פלאַם
200 יאָר נאָך דער לעצטער תלמוד־פאַרברענונג אין קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק. 1757—1957.
צווייטער העפט פון דער ביבליאָטעק „ביכער־וועלט“.

ג) אונטער שטרויענע דעכער
אַן עפּאָפּעע פון ייִדישע ישובניקעס אין ווייסרוסלאַנד.

ד) דורך קעלט און וואָרעם
נע־ונד־געשיכטעס: פון פּראָסטיקן לאַגער סוכא־בעזוואָדנאַ, ביז דער הייסער פערגאַנער דאָלינע.

וועגן אַלע ענינים פון דער ביבליאָטעק „ביכער־וועלט“
זיך פאַרשטענדיקן אויפן אַדרעס:

M. BERNSTEIN

Honduras 4178. Dto. D. Buenos Aires